YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv08i41

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 8 Issue 41
October 1926

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 8, Iss. 41)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/470

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, 6.)
אַן מיין גערעכטיגקייט האַלט איך זיך שטאַרק, און וועל איהר ניט אַפּלאָזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע

אפיציעלער ארגאַן פון דער אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאַן

Vol. VIII. No. 41. New York, Friday, October 8, 1926 פרייטאג, 8טער אקטאבער, 1926 PRICE 3 CENTS

קלאָוקמאַכער וועלען שטעהן אין קאַמף ביז די עקשנות פון די באַלעבאַטים וועט געבראָכען ווערען

יוניאַן פאַרפערטיגט זיך פאַר א לאַנגען קאַמף. — גענעראַל סטרייק קאָמיטע רופט א קאָנפערענץ פון אלע ארבייטער־ארגאַניזאַציעס אין ניו יאָרק. — דער קאָנפערענץ וועט פאַרקומען פרייטאג אווענט אין אדיטאָריום פון אונזער אינטערנעשאַנאַל בילדינג. — יוניאַנס און ארבייטער ארגאַניזאַציעס רופען זיך אָפּ און שיקען פינאַנציעלע הילף. — פאָליציי פאַרפאָלגט סטרייקערס און מאַכט א סך אומזיסטע ארעסטען.

די הערען פון דעם אינדוסטריעלען קאָונסיל האָבען אפנים באשלאָסען, אז זיי קענען באשטעהן צו פאַרלירען דעם סיזאָן, אבי אָנצוגעהן מיט זייער ווילדע עקשנות נעגען דער יוניאַן און די ארבייטער. זאָלען זיי אבער וויסען, דאָס די יוניאַן וועט פון שלאַכט־פעלד ניט אַנטלויפען! די יוניאַן און די קלאָוקמאַכער זיינען פעסט אַנטשלאָסען צו שטעהן אין קאַמף ווי לאַנג עס זאָל ניט מוזען געדויערען, ביז אָט די ווילדע עקשנות פון די קלאָוק־באַלעבאַטים וועט געבראָכען ווערען.

עס איז קלאָר פאַר אלעמען אין דער ארבייטער באוועגונג, דאָס די קלאָוקמאַכער יוניאַן האָט צו פיהרען א גאַנץ שווערען קאַמף. א חוץ די פאַרביסענע קלאָוק־באַלעבאַטים, וואָס האָבען, ווי עס שיינט, זיך פאַרשוואָרען צו „צוברעכען" די ארגאַניזאַציע פון די ארבייטער, האָט אויך די יוניאַן קעגען זיך די פאָליציי און די קאָורטס, און א גאַנץ שטרענגען אינדזשאַנקשאָן! אבער די יוניאַן וועט פאַרטזעצען דעם קאַמף נעגען די באַלעבאַטים אונטער אלע אומשטענדען, ווי שווער דאָס זאָל ניט זיין.

און אין דעם גרויסען, שווערען קאַמף נויטיגט זיך די יוניאַן אין דער הילף פון די גאַנצע ארבייטער באוועגונג. און די קלאָוקמאַכער יוניאַן רופט די ארבייטער באוועגונג איהר צו העלפען.

אויף א פאַרזאַמלונג פון דער עקזעקוטיווע פון דער גענעראַל סטרייק קאָמיטע, מיט איינינע טעג צוריק, איז די שווערע לאַגע גאַנץ גענוי באטראַכט געוואָרען, און עס איז באשלאָסען געוואָרען צו רופען א קאָנפערענץ פון פאָרשטעהער פון אלע ארבייטער ארגאַניזאַציעס אין ניו יאָרק, אויף וועלכער עס וועט אָנגעוויזען ווערען, ווי אזוי אָט די יוניאַנס קאָנען העלפען די קלאָוקמאַכער־סטרייקער אין זייער שווערען קאַמף; ווי אזוי זיי קענען העלפען אין דעם קאַמף נעגען די פאַרביסענע קלאָוק־באַלעבאַטים, און דעם ברוטאַלען אינדזשאַנקשאַן.

אויף דער פאַרזאַמלונג פון דער גענעראַל סטרייק קאָמיטע, דינסטאג אָווענט, אין מאַנהעטען לייסעאום האַל, איז דער באַשלוס פון דער עקזעקוטיווע גוט־געהייסען געוואָרען, און די גענעראַל סטרייק קאָמיטע האָט ארויסגעשיקט צו דער ארבייטער באוועגונג דעם פאָלגענדען רוף:

צו אלע ארבייטער ארגאַניזאַציעס פון ניו יאָרק!

שוין 14 וואָכען צייט, אז די 35 טויזענט קלאָוקמאַכער פיהרען אַן א ביטערען קאַמף נעגען די קלאָוק מאַנופעקטשורערס און דזשאָבערס.

דורך די 14 וואָכען האָבען די פאָליציי און די קאָורטס זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע ברוטאַלע אטאַקעס נעגען די סטרייקערס. דער בונד פון די באַסעס, פאָלים און קאָורטס איז אין א פאַרזוך צו שעדיגען דעם סטרייק און צוברעכען אונזער יוניאַן איז אַן אָפענער.

דער אינדזשאַנקשאַן, וואָס איז ארויסגענומען געוואָרען נעגען אונזער יוניאַן, איז דער שענדליכסטער אַקט, וואָס איז ביז איצט געהערט געוואָרען. עס איז די נעוואַגסטע און שטאַרקסטע אטאַקע, וואָס איז געמאַכט געוואָרען פון אָרגאַניזירטען קאַפּיטאַל נעגען אָרגאַניזירטע ארבייט.

דער אָנגריף נעגען דער קלאָוקמאַכער יוניאַן איז נאָר אַן אָנפאַנג פון א קרייץ־צוג נעגען אָרגאַניזירטע ארבייט אין אונזער סטייט.

ארבייטער ארגאַניזאַציעס! מיר וויסען, אז איהר זייט מיט אונז. מיר וויסען, אז עס איז אין די אינטערעסען פון אלע ארבייטער ארגאַניזאַציעס צו העלפען אונז אין דעם קאַמף צו באַקעמפען דעם אינדזשאַנקשאַן, אָפּשטעלען די ווילדע אטאַקעס פון די פאָליציי און צו שאַפען פינאַנציעלע הילף אָנצופיהרען אונזער קאַמף.

די קלאָוקמאַכער און אלע ארבייטער פון דער לײדיס גאַרמענט אינדוסטריע האָבען זיך צו אלע צייטען אָפּגערופען אויף יעדען רוף פון ארבייטער ארגאַניזאַציעס אין צייט פון נויט, אין צייט פון קאַמף.

ארבייטער ארגאַניזאַציעס, מיר רופען אייך! העלפט אונז אין אונזער קאַמף! העלפט צו שטערען די פאַרשווערונג נעגען אונז, פון די באַלעבאַטים, פאָלים און קאָורטס. שטעלט זיך אין די רייהען מיט אונז אין קאַמף נעגען דעם אינדזשאַנקשאַן. שאַפט הילף פאַר די סטרייקענדע קלאָוקמאַכער.

העלפט אונז דורכפיהרען אַן אָרגאַניזירטען ווידערשטאַנד פון דער ניו־יאָרקער ארבייטער באוועגונג. ענטפערט אויף אונזער רוף צו דער קאָנפערענץ, וועלכע מיר רופען פאַר הייגטיגען פרייטאג, דעם 8טען אקטאָבער, 7 א זייגער אין אָווענט, אין דעם אינטערנעישאַנאַל אודיטאָריום, 3 וועסט 16טע סטריט, ניו־יאָרק.

יעדע אָרגאַניזאַציע איז געבעטען צו שיקען 2 דעלעגאַטען צום קאָנפערענץ.

אויב אייער ארגאַניזאַציע האָט ניט קיין מיטינג בעפאָר פרייטאג, זייט איהר געבעטען צו זיין פאָרטראַטען דורך אייערע אָפיציעלע באאַמטע.

מיט גרוס,

דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע פון דער דזשאָינט באָרד, קלאָוק, סקוירט, דרעס און ריפער מאַכער יוניאַן, א. ל. ג. וו. י.

ל. הײמאַן, טשערמאַן.

ארבייטער פון געסעטעלטע שעפער וועלען צאָהלען צוואַנציג פּראָצענט

אויף דער פאַרזאַמלונג פון דער גענעראַל סטרייק קאָמיטע, דינסטאג אָווענט, אין מאַנהעטען לייסעאום האַל, איז אויף גענומען געוואָרען א רעקאָמענדאַציע פון דער עקזעקוטיווע, אין באַצוג די צאָלונגען פון די ארבייטער פון די געסעטעלטע קלאָוק שעפער, צו העלפען דעם סטרייק.

די ארבייטער פון די געסעטעלטע קלאָוק שעפער צאָלען, ווי באַוואוסט, 15 פּראָצענט פון זייער פאַרדינסט צום סטרייק פאָנד. דאָס איז געווים גאַנץ שעהן, און איז זעהר א גרויסע הילף פאַר

(שלוס אויף זייט 2)

קלאָוקמאַכער אין באַלטימאָר אָרגאַניזירען זיך

פּרעזידענט מאָריס זיגמאַן און וויים־פּרעזידענט מאָלי פרידמאַן ארויסגערופען צו א פאַרזאַמלונג.

ווי עס איז שוין געווען געמעלדעט אין דער „גערעכטיגקייט", האָבען די קלאָוקמאַכער פון באַלטימאָר באַשלאָסען אויפצולעבען די יוניאַן, און דאָס ווערט גאַנץ ענערגיש געטאָן. לאָקאַל 4, די קלאָוקמאַכער יוניאָן פון באַלטימאָר, איז ווידער אויף די פיס; איז גערופען געוואָרען צום לעבען, און אַן ענערגישע טעטיגקייט ווערט אָנגעפירט אריינצוברענגען אלע קלאָוקמאַכער פון באַלטימאָר אין דער יוניאָן, ווי דאָס איז געווען אמאָל.

פאַר דעם צוועק רופט איין די באַלטימאָר די קלאָוקמאַכער יוניאַן פון צייט צו צייט מאַסמיטינגען פון קלאָוקמאַכער. אזא פאַרזאַמלונג וועט דאָרט פאַרקומען דעם שבת, און פּרעזידענט מאָריס זיגמאַן און וויים־פּרעזידענט מאָלי פרידמאַן, זיינען טעלעגראַפיש ארויסגערופען געוואָרען צו אַדרעסירען די פאַרזאַמלונג.

פּרעזידענט זיגמאַן וועט שוין אין איין וועג נאָכזוכען, צו דאָרט ווערט ניט אמאָל געמאַכט סקעב־ארבייט פאַר די הינע מאַנופעקטשורערס און דזשאָבערס.

לײדיס טײלאָרס און קאַסטאָם דרעסמאַכער לאָק. 38, אין גענעראַל סטרייק

די לײדיס טײלאָרס און קאַסטאָם דרעסמאַכער פון ניו יאָרק זיינען דעם דינסטאג פריה ארויסגעגאַנגען אין א גענעראַל־סטרייק.

ווען די לײדיס טײלאָרס און די קאַסטאָם דרעסמאַכער זיינען דינסטאג פריה געגאַנגען צו דער ארבייט, האָבען זיי קאָמיטעס פון דער יוניאַן באַגעגענט לעבען די שעפער און זיי געטיילט רויטע סירקולאַרס, וואָס רופען די ארבייטער צו וואַרפען די ארבייט און ארויסגעהן אין א גענעראַל־סטרייק.

די ארבייטער זיינען מעהר ניט ארויף אין די שעפער, נאָר זיי זיינען אוועק אין דעם סטרייק־האָל אין סענטראַל אָפּערא האויז 67טע סטריט און 3טע עוועניו.

דער סטרייק איז ארויסגערופען געוואָרען נאָכדעם ווי די באָסעס האָבען זיך אַנטזאָגט נאָכצוגעבען די פאָדערונגען פון דער יוניאַן אין נייעם אגרימענט, וועלכע באַשטעהען פון א 40־שטונדיגער ארבייט־וואָך, א גאַראַנטי פון 44 וואָכען ארבייט א יאָהר, א רעיז אין די ווידזשעס און וויינינער אָווערטיים, ווי אויך צו יוניאַניזירען די קאַסטאָם דרעסמאַכער.

דער אַלטער אגרימענט איז אויסגעגאַנגען דעם 30טען סעפּטעמבער. די יוניאַן האָט אויסגעאַרבייט נייע פאָדערונגען און גערופען די לײדיס טײלאָר באָסעס צו א קאָנפערענץ. נאָך א רייהע קאָנפערענצען זיינען די באָסעס אַביסעל ווייכער געוואָרען און האָבען שוין נאָכגעגעבען אייניגע פאָדערונגען. די לעצטע פאַר טעג, ביי די לעצטע קאָנפערענצען, האָבען די באָסעס חרטה געקראָגען און צוריקגעצויגען דאָס, וואָס זיי האָבען פריהער נאָכגעגעבען. די יוניאַן האָט איינגעזעהן, אז די באָסעס ווילען ניט קומען צו א פרידליכען סעטעלמענט און זי האָט ארויסגערופען דעם גענעראַל־סטרייק.

מאָנטאג פאַרנאַכט איז אין ברייענט האָל פאָרגעקומען א גרויסער מיטינג פון דער סטרייק קאָמיטע און הונדערטער אַקטיווע מעמבערס. דאָרט האָט מען זיך אָרגאַניזירט אין א פּיקעט קאָמיטע און אין קאָמיטעס אויף צוצוטיילען דעם סירקולאַר. ביי דעם מיטינג האָט געהערשט גרויס באַגייסטערונג.

ווי דאַן ווישניעווסקי, דער מענעדזשער פון דער יוניאַן, האָט ערקלערט, האָבען שוין אייניגע באָסעס געסעטעלט און א צאַל אנדערע — אויסגעמאַכט אַפּליקיישאַנס צו סעטלען.

די סעטעלמענט קאָמיטע געפינט זיך אין וואָודוואָרד האָטעל, 55טע סטריט און בראָדוויי. דער טשערמאַן פון דער סעטעלמענט קאָמיטע איז ברודער אייבראַמס און דער סעקרעטאַר איז בר. ב. דרייזין.

א גרויסע פּיקעט קאָמיטע איז אָרגאַניזירט געוואָרען, און די שעפער וועלען געפּיקעט ווערען. דער טשערמאַן פון דער פּיקעט קאָמיטע איז ברודער דזש. זאַק.

די סטרייק קאָמיטע מעלדעט, אז די

(שלוס אויף זייט 12)

אינהאַלט פאַרצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 41.

זייט 2. סטרייק־נייעס.
זייט 3. עדיוקיישאַנאַל דעפּאַרטמענט. פאַר שידענעס.
זייט 4 טרייד־ און אָרגאַניזאַציאַנס־פראַגען.
זייט 5. די קראַנקע פּיאַניסטין — תלוש. שוואַנען (געדיכט) — ז. ווינפער. גראַמאַטיקע (פעליעטאָן) — ז. וואהילער.
זייט 6. עדיטאָריעלס.
זייט 7. 25 יאָהר טרייד־יוניאַן אינטערנעציאָנאַל — דר. הערמאַן פראַנק.
זייט 8. אויפ'ן וועג צו באַשטימען דעם גורל פון דער אַמעריקאַנער ארבייטער־באַוועגונג — ה. לאַנג. צייט־נאָטיצען — נאָרמאַן טאָמאַס.
זייט 9. די קלאָוקמאַכער און זייער יוניאַן אין לאָנדאָן — ש. ק. פּיקעטס — י. בערנשטיין. ענטפערס פון רעדאַקציע.
זייט 10 און 11. שלוסען און אדווערטייזמענטס.
זייט 12 קאַנווענשאַן פון דער א. פ. אָוו ל. באַשליסט צו העלפען די קלאָוק־סטרייקער אין קאַמף נעגען די באַלעבאַטים.

אויס דעם לעבען פון דער וועהייט גודס וואירקערס יוניאן

פון א. סניידער

ענדליך האבען מיר איבערגעלעבט דעם סלעק סיזאן. די סלעק סיזאנס זיי־נען אין אונזער אינדוסטריע נים קיין נאַ־ווינע, ווייל די צייט ווען אונזער טרייד האט געגעבען די ארבייטער 52 וואכען אין יאהר באשעפטיגונג, איז שוין לאנג פאראיבער. מיר האבען יעצט סיזאנס פון ארבייט און סיזאנס פון ליידיג־געהן. און דער נאר־וואס פארגאנגענער סלעק, אב־וואהל נים דער ערשטער, איז אבער געווען דער ערנסטער, ווייל ער האט געדויערט גאנץ לאנג, און די ארבייטער האבען פון איהם שווער געליטען. די באלעבאטים אין יעדען טרייד האבען די גוטע געוואוינ־הייט פון אויסצונוצען יעדען סלעק פאר זיך, אבער ביי אונזערע באלעבאטים איז דיזע געוואוינהייט אנטוויקעלט אויף א זעהר גרויסען שטייגער. ווייסענדיג, אז דער ווייט גודס טרייד שטעהט נאך נים אין גאנצען אונטער דער יוניאנס קאנ־טראל, טוען זיי אן זייערע ארבייטער נים קיין קליין ביסעל צרות. די ארבייטער פון זייער זייט האבען אין פילע פעלע נים די נויטיגע מאס פון געדולד איבערצואוואר־טען דעם סלעק און לויפען זוכען עפעס בעסערס. און זעלטען מאקע ווי עס נים זיך אימיצען איין צו קריגען עטוואס בע־סערס. נאר דאס שטעלט זיי נים אפ פון צו פרובירען דעם מזל אין אן אנדער שאפ, אין אן אנדער ברענטש פון נאדעל פאך, אדער גאר אין גאנצען אין א נייעם און פרעמדען טרייד. דער רעזולטאט דערפון איז, אז נאך יעדען סלעק סיזאן און ביים אנפאנג פון יעדען נייעם סיזאן, האט די יוניאן פאר זיך א פראבלעמע צו טאן אין די יוניאן שעפער די ארבייט, וועלכע דארף גאר געטאן ווערען אין די נים־יוניאן שע־פער. דורך דער סלעק צייט האבען איי־ניגע ארבייטער פארלאזט דעם שאפ, און ווען עס איז געווארען א ביסעל מעהר אר־בייט, נעמט דער באלעבאס ארויף נייע ארבייטער. אין א סך פעלע זעצען זיי זיך צו דער ארבייט אונטער קלענערע ווי־דזשעס, די נייע ארבייטער ווייסען אויך ווייניג פון א יוניאן. דאס שאפט זעהר נים קיין געזונטע לאגע, און פאר דער יוניאן איז דאס א שטענדיגער קוואל פון זארג און מיה צו האלטען די יוניאן שעפער אונטער קאנטראל, און מעגליך מאכען, אז ארבייטער זאלען געניסען פון די יוניאן באדינגונגען.

אבער נים בלויז מיט אנהאלטען יוניאן באדינגונגען אין די יוניאן שעפער בא־שעפטיגען מיר זיך. מיר האבען זעהר פיל צו טאן צו איינפיהרען יוניאן באדינגונגען אין די נים־יוניאן שעפער. דיזע לעצטע זיינען נים קליין אין צאהל. עס זיינען פאראן א סך שעפער, וועלכע זיינען נים אונטער קאנטראל. די ארבייטער אין די נים ארגאניזירטע שעפער מעגען אין אויס־נאמס פעלע אפילו געניסען עטוואס בע־סערע באדינגונגען, טאקע צוליב דער יוניאן וואס עקזיסטירט אין טרייד, און וועלכע איבט אויס א היבשען איינפלוס אויך אויף נים־יוניאן שעפער. עס איז אבער נים גענוג, און נים אלעס קריגען די ארבייטער אין די נים־יוניאן שעפער. פארשטעהט זיך, אז דאס איז אויך פאר דער יוניאן א גרויסע פראבלעמע. און ביים אנפאנג פון יעדען סיזאן מאכט די יוניאן אנשטרענגונג צו ארגאניזירען נייע שעפער. אבער דער היינטיגער סיזאן איז פאר אונזער יוניאן גאר א וויכטיגער צו־ליב דעם, וואס אין עטליכע חדשים ארום ענדיגט זיך אונזער אגרימענט מיט די בא־לעבאטים, און עס איז אומבאדינגט נוי־טיג, אז אן ארגאניזאציאנס קאמפיין זאל אנגעפאנגען ווערען אויף א גרויסען און ברייטען שטייגער. דיזער קאמפיין מוז אין פארלויף פון פיר חדשים גרייכען אלע ארבייטער, וועלכע זיינען באשעפטיגט אין דעם פאך פון סילק און קאטאן אנדערוועאר. פיל ארבייט וועט מוזען געטאן ווערען אויף דעם געביט פון אויפקלערען די ארבייטער און זיי צוגרייטען פאר א מעגליכען גענע־ראל סטרייק אין אנפאנג פון נייעם יאהר. מיר ווייסען און פארשטעהען, אז די אונ־טערנעמונג איז א גרויסע און עס וועט זיך פאדערען די הילף פון דער אינטערנעשא־נאל. דערום האבען מיר פאררופען א ספע־ציעלען עקזעקוטיוו באארד מיטינג מיט דעם פרעזידענט פון אונזער אינטערנע־שאנאל אום זיך קלאר דורכריידען וועגען דער גאנצער לאגע און וועגען די פלענער פאר דער צוקונפט. מיר זיינען איבער־צייגט, אז די אינטערנעשאנאל וועט אונז העלפען.

אן אנפאנג איז שוין געמאכט געווארען אונז צו העלפען דורך דער באשטימונג פון עלסי גליק אלס ספעציעלע ארגאנייזערין פאר אונזער יוניאן, ווען מיר האבען זיך געווענדעט צו פרעזידענט זיגמאן מיט דעם פארלאנג. מיס גליק האט שוין אנ־געפאנגען די ארבייט פון באזוכען שעפער און זיך באקענען מיט ארבייטער פון אונ־זער פאך און אויך מאכען פארבינדונגען מיט זיי און זיי פאראינטערעסירען אין דער יוניאן. ביז איצט האט נאך קיין סך נים געקענט געטאן ווערען, איינפאך דער־פאר וואס די יוניאן ארבייטער זיינען נאך אין די שעפער נים געווען. איצט אבער, ווען די ארבייט האט זיך אנגעפאנגען, וועט מיס גליק האבען א מעגליכקייט צו טאן פיל מעהר.

דעם 1טען סעפטעמבער האבען מיר אפגעהאלטען א מיטינג פון שאפ טשער־ליידים מיט קאמיטעס פון שעפער, וואו די גאנצע לאגע איז ערנסט באשפראכען געווארען. מיס גליק האט געהאט די ער־שטע געלעגענהייט זיך צו באקענען מיט אונזערע טעטיגע מיטגלידער און זיך מיט זיי דורכריידען. אזעלכע און אנדערע מי־טינגען וועלען איצט אפטער גערופען ווע־רען אום אריינצוברענגען נייעם לעבען אין דער יוניאן.

איך וויל דיזען מאל זיך באנוצען מיט דער געלעגענהייט און מאכען א ספעציע־לען אויפרוף צו אונזערע מעמבערס, אז זיי זאלען וואס שנעלער קומען צו הילף דער יוניאן. מיר קענען זיך איצט נים פארלאזען אין גאנצען אויף דער אינ־טערנעשאנאל. צוליב דעם גרויסען און ביטערען קאמף, וואס עס פיהרען אן די קלאוקמאכער פאר א בעסערען און שעה־נערען לעבען, איז די אינטערנעשאנאל נים אימשטאנד זיך אפצוגעבען אין גאנצען מיט אונזער ארבייט, און מיר מוזען זיך פארלויפיג אליין העלפען. זעהר פילעס קענען אונזערע יוניאן לייט טאן. עס וואלט געווען אן אומרעכט זיך אין גאנצען צו פארלאזען אויף אנדערע, מעג דאס אפילו זיין אונזער איינענע אינטערנעשא־נאל. מיר קענען אליין א סך טאן און עס איז אונזער פליכט זיך אליין צו העל־פען אויף וויפיל נאר עס איז מעגליך. אונ־זערע מעמבערס טארען נים שטעהן פון דער ווייטענס. זיי דארפען זיך גלייך אנ־שליסען אין דעם ארגאניזאציאנס קאמי־טעט און העלפען פארשפרייטען די ספע־ציעל צוגעגרייטע צירקולארען ארום די נים יוניאן שעפער. די יוניאן לייט מוזען רייד־ען צו די ארבייטער אין טרייד און זוכען מיט אלע מעגליכקייטען זיי צו פאראינ־טערעסירען אין דער יוניאן. די יוניאן לייט מוזען אויך שאפען פאר דער יוניאן די מעגליכקייטען אנצופיהרען די ארבייט, סיי דורך צייט, וואס זיי וועלען דארפען געבען דער יוניאן, ווען דאס פאדערט זיך, און סיי דורך שאפען די פינאנציעלע מיט־לען, אהן וועלכע די יוניאן קען נים ער־ווארטען קיינע ערפאלגען. דורך דער סלעק צייט איז קיין סך געלט אין דער יוניאן נים אריינגעקומען, און עס איז נא־טירליך, אז די טרעזשורי האט געמוזט דערפון ליידען, ווייל די אויסגאבען זיינען געווען די זעלבע, און נאך מעהרער ווי אימער, צוליב די סטרייקס וואס מיר האבען דעם זומער געדארפט אנפיהרען. איצט אבער, ווען איהר ארבייט שוין, איז עס די פליכט פון יעדען מעמבער אפצוצאהלען די שולדען צו דער יוניאן ווי אם גיכסטע און דאס וועט שאפען פארגרעסערטע מעג־ליכקייטען צו טאן די ארבייט, אין וועל־כער מיר נויטיגען זיך אזוי שטארק.

מיר רופען אויך די יוניאן לייטע, וועל־כע ארבייטען אין נים־יוניאנן שעפער, צו קומען צו הילף. אויך זיי קענען זעהר פיל טאן, זייענדיג מאן־טעגליך מיט די אנ־דערע ארבייטער אין שאפ, קענט איהר אם בעסטען דינען די אינטערעסען פון אייער יוניאן, אזוי גוט ווי אייערע איי־גענע אינטערעסען, דורך דעם וואס איהר וועט אויפקלערען די ארבייטער פון אייער שאפ און אויפווייזען זיי אויף וויפיל בע־סער זיי וואלט געווען, ווען דער שאפ וואלט געשטאנען אונטער דער יוניאנ'ס קאנטראל. מיט איין ווארט, אלעס דארף איצט געטאן ווערען. קיינער טאר נים שפארען קיין מיה און העלפען צו מאכען די יוניאן גרעסער און שעהנער.

צום שלוס וויל איך אויך דערמאנען די מעמבערס פון לאקאל 6, אז דער סטרייק ביי די סטענדערד אנדערוועאר, פון 151 וועסט 31טע סטריט, געהט נאך אן. דאס איז איינענטליך דער לענגסטער סטרייק וואס אונזער יוניאן האט ווען אנגעפיהרט געגען אן איינצעלנער פירמע אין פארלויף פון דער יוניאנס עקזיסטענץ. די פירמע האט זיך אין פארלויף פון דעם סטרייק באנוצט מיט די שענדליכסטע און מיאוס־סטע מיטלען, ווי באשעפטיגען גענגסטער, וועלכע פלעגען באפאלען און שלאגען די סטרייקערס, ווי אויך פאראורזאכען פאל־שע ארעסטען און שווערען פאלש אין גע־ריכט מיט דעם צוועק צו שיקען סטריי־קערס אין פריזאן. דאס אלעס האט אבער דער יוניאן נים אפגעשראקען, דער שאפ ווערט געפיקעט און די פירמע פיהלט דעם סטרייק זעהר שטארק, און איז שוין איצט איבערצייגט, אז צו צוברעכען די יוניאן איז פיל שווערער ווי זיי האבען עס זיך פריהער פארגעשטעלט.

סט. לואיס דרעסמאכער ארגאניזירען זיך

דרעס־מאנופעקטשורערס פארמירען אסאסיאיישאן — קלאוקמאכער יוניאן זאמעלט געלט פאר די ניו יארקער סטרייקער.

די קלאוקמאכער יוניאן לאקאל 78 פון סט. לואיס, פונקט ווי אלע אנדערע קלאוקמאכער ארגאניזאציעס איבער'ן לאנד, איז זעהר פאראינטערעסירט אין דעם קאמף פון די ניו יארקער קלאוק־מאכער, און טוט דאס בעסטע אין איה־רע מעגליכקייטען צו העלפען — לויט דער אינפארמאציע, וואס מיר האבען באקומען פון בען גילבערט, לאקאל מע־נעדזשער. ווי ער לאזט אונז וויסען, איז אויף א מיטינג פון אפערייטארס און קאטערס, וואס איז אפגעהאלטען געווארען לעצטע וואך, באשלאסען געווא־רען צו טעקסען אלע מיטגלידער פון לאקאל 78 מיט פופצעהן פראצענט פון די פארדינסטען. דער ערשטער טשעק פון אט דעם טעקס איז שוין ארויסגע־שיקט געווארען צום אפיס פון דער אינ־טערנעשאנאל.

דער קלאוק־סיזאן אין סט. לואיס, כאטש נים זעהר קיין גרויסער, האט דאך געגעבען א געלעגענהייט די מיטגלידער פון דעם לאקאל צו טאן ארגאניזאציאנס־ארבייט, — שרייבט ברודער גילבערט. די דרעס־מאנופעקטשורערס האבען זיך ווארשיינליך איבערגעשראקען, וואס די יוניאן מאכט א טיכטיגען פרווו צו ארגאניזירען די דרעס־פרעסערס און קא־טערס און האבען זיך ארגאניזירט אין אן אסאסיאיישאן. זיי ארבייטען איצט אויס פלענער פאר אן אגרעסיווער אנטי־יוניאן־פאליסי.

דער סיזאן אין דעם סט. לואיסער דרעס־טרייד קומט שוין צו אן ענד און די קלאוקמאכער־ארגאניזאציע האט צו־זאמענגערופען א פארזאמלונג פון דרעס קאטערס און פרעסערס, וואו עס וועלען דיסקוטירט ווערען פלענער פאר דער פארשטארקונג פון דער יוניאן אין דרעס־טרייד, ווי אויך צו באקעמפען די מעג־ליכע פארזוכען פון די באלעבאטים ארונ־טערצונעמען פון די וויידזשעס אין גע־וויסע שעפער און צו אנטזאגען איינינע פון די אקטיווערע יוניאן־ארבייטער פון זייערע דזשאבס.

יוניטי הויז קאמיטע אראנזשירט א גרויסארטיגען ריי־יוניאן באל פאר אלע יוניטי געסט

אויף דעם לעצטען מיטינג פון דער יו־ניטי הויז קאמיטע פון אונזער אינטער־נעשאנאל, איז באשלאסען געווארען צו פאראנשטאלטען א גרויסארטיגען ריי־יו־ניאן באל פאר אלע געסט, וואס זיינען געווען אין יוניטי הויז אין פארלויף פון דעם זומער און אויך די פריהערדיגע זומערען. די קאמיטע האט גענומען דעם גרויסען זאל אין דער מאנהעטען אפערא הויז בילדינג, אויף דער 34טער סטריט, לעבען 8טע עוועניו. עס איז א גרויסער און שעהנער זאל, וואס איז ווירקליך פאסינג פאר א באל פון די יו־ניטי געסט. דער באל וועט פארקומען שבת אווענט, דעם 12טען פעברואר (ליג־קאלנ'ס געבורטסטאג).

די קאמיטע האט זיך גלייך גענומען צו דער ארבייט, צו מאכען אלע נויטיגע אראנדזשמענטס, אז דער צוזאמענקונפט פון אלע יוניטי געסט אין דער שטאדט ניו יארק זאל זיין איינע פון די שעהנ־סטע אונטערנעמונגען, וואס ווערט גע־געבען אין ניו יארק. עס וועט זיין א צוזאמענקונפט א־לא־יוניטי, אין דעם אמת'ן זין און גייסט פון דעם ווארט. עס ווערט ערווארטעט, אז די טויזענטער באזוכער פון דער יוניטי הויז זאלען זיך צוזאמענקומען און פארברענגען א זעהר אנגענעמען אווענט אין דעם גייסט פון יוניטי. מיר קענען נאך איצט נים זא־גען אלעס, וואס ווערט פארבארייטעט פאר דעם אווענט. אלעס וואס מיר ווי־לען איצט, איז שוין צו לאזען וויסען, אז דער יוניטי עולם זאל זיך באצייטענס גרייטען פאר דער אונטערנעמונג. עס וועט זיכער זיין עפעס אזוינס, וואס דער עולם וועט האבען לאנג צו געדענקען.

זאלען אלע יוניטי געסט עס האבען אין זינען און נים מאכען קיין אנדערע אראנדזשמענטס פאר יענעם אווענט. אל־זא, געדענקט, דעם באל וועט זיין שבת אווענט, דעם 12טען פעברואר, אין דעם גרויסען זאל פון מאנהעטען אפערא הויז. איינצעלהייטען וועלען שפעטער באקאנט געמאכט ווערען.

די סאן קארלא גרענד אפערא בלייבט פיר וואכען

די סאן קארלא גרענד אפערא קאמ־פאני וועט בלייבען אין סענטשורי טע־אטער פיער וואכען, נים דריי, ווי עס איז פריהער געווען באשטימט. דער ערפאלג פון דער קאמפאני איז זעהר גרויס, און אויף דעם פארלאנג פון פוב־ליקום בלייבט די קאמפאני אין ניו יארק נאך א וואך.

דער רעפערטואר פון דער דריטער וואך איז: דאנערשטאג, מאטינע — „אאידא"; דאנערשטאג אווענט — „אנ־דרעי שעניע"; פרייטאג אווענט — „קארמען"; שבת, מאטינע — „מארטא" מיט א ספעציעלען פראגראם פון באלעט־דיווערטיסמענטען נאך דער אפערא; שבת אווענט — „קאוואלעריא רוסטי־קאנא און „פאגליאטשי".

דרעסמאכער, מעמבערס פון לאק. 22

אויפמערקזאם!

אונזערע ברענטש מיטינגען וועלען אפגעהאלטען ווערען יעדען ערשטען און דריטען דאנערשטאג אין מאנאט.

קומענדען דאנערשטאג, דעם 7טען אקטאבער, 8 אוהר אווענט, וועלען פארקומען נאמיניישאנס פאר סעקרעטאר, עקזעקוטיוו באארד און סיק־בענעפיט קאמיטע. עס וועט אויך ערוועהלט ווערען אן עלעקשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע פון יעדען ברענטש. איהר זייט דערום אויפגעפאדערט צו קומען און נאמינירען די בעסטע קאנדידאטען פאר אלע עמטער, ווי אויך ערוועהלען אן עלעקשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע.

יעדער מעמבער וואס וועט פארפעהלען צו באזוכען איין מיטינג א קווארטאל וועט פאזיטיוו באשטראפט ווערען מיט 1 דאלאר.

עקזעקוטיוו באארד
דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 22
דזשוליוס פארטנאי, סעקרעטאר.

נ. ב. די האלס וואו די מיטינגען וועלען אפגעהאלטען ווערען וועלען אנאנסירט ווערען אין דער טעגליכער פרעסע.

וויי, דאס די יוניאן אדער די באאמטע האבען אין דעם איצטיגען סטרייק אויטאריזירט אדער ראטיפיצירט די אונלעגאלע אקטען וועגען וועלכע דער אינדאסטריאל קאונסיל באקלאגט זיך. זיי קענען ניט געהאלטען ווערען פאראנטווארטליך, האט ער געזאגט, פאר דער האנדלונג פון יעדען מיטגלידער פון די 40 טויזענט, וועלכע זיינען אין סטרייק, צי זייער האנדלונג איז אויטאריזירט אדער ניט.

באזונדערס האט דער פארטיידיגער געהאט אויסצוזעצען נעגען די פונקטען אין דעם פרעלימינערי אינדזשאנקשאן, וואו עס ווערט פארבאטען די פיקעטס צו „צוריק האלטען אדער מאכען שווער" פאר ארבייטער צו ארבייטען פאר זייערע באלעבאטים. הילקוויט האט גע'טענה'ט, אז די שפראך איז אזוי ניט קלאר און אומבאשטימט, דאס עס איז שווער פאר די פיקעטס צו וויסען וועלכע אקטען זיינען זיי פארבאטען, און וועלכע ניט. נאך מעהר אומצופרידענהייט האט ער אויסגעדריקט מיט די פונקטען וועלכע פארבאטען די אנגעקלאגטע פון באזוכען זייערע ברידער ארבייטער אין זייערע שעפער אדער אין זייערע הייזער, אפילו צו ארגומענטירען און איבערצייגען זיי אויף א פרידליכען אופן.

אן אויסערגעוועהנליכער און זעהר שעדליכער פונקט.

„אן אויסערגעוויינליכער און העכסט שעדליכער פונקט", האט הילקוויט באמערקט, „איז דער פונקט, וועלכער פארווערט די מיטגלידער פון דער יוניאן צו פיקעטען אירגענט וועלכען שאפ מיטגליד פון דעם אינדאסטריעל קאונסיל, אהן אירגענט וועלכער קוואליפיקאציע. דיזער פונקט פארבאט פאקטיש די געוויינליכסטע מעטאדען פון אנפירען א סטרייק, און איז א גרויסער שריט אין דער ריכטונג פון שטערען דעם סטרייק אלס אזעלכער, און צו באשטימען דעם עקאנאמישען שיקזאל פון 40 טויזענט ארבייטער און 2 טויזענט באלעבאטים דורך א קאורט ארדער, אהן אירגענט וועלכען טריעל".

צום שלוס האט הילקוויט באוויזען, אז דער אינדאסטריעל קאונסיל קאן גאר ניט אנקלאגען דער יוניאן אין אן עקוויטי קאורט פאר אן אינדזשאנקשאן, ווייל ס'עקזיסטירט ניט קיין קאנטראקט צווישען די מאנופעקטשורער און די ארבייטער.

„עס איז ניטא קיין געזעצליכער גרונד פאר באנוצען זיך אזוי ברייט מיט אינדזשאנקשאנס אין ארבייטער סכסוכים", האט ער געזאגט.

„דער צוועק פון אן אינדזשאנקשאן, — האט ער פארטגעזעצט, — איז צו באשיצען דאס רעכט פון אייגענטום. עס איז ניטא קיין באוויז, אז די אנקלאגענדע ארגאניזאציע האט געליטען, אדער שטעהט אין געפאר צו ליידען פארלוסטען פון אייגענטום, אדער אייגענטום־רעכטען. דער אנקלאגער איז ניט קיין באלעבאס, נאר אן אסאסיאיישאן, וועמעס ביזנעס אדער „גוד־וויל" קען ניט געשעדיגט ווערען פון די אנגעקלאגטע. אין דעם זין איז א קארפאראציע אין גאנצען אנדערש פון איהרע מיטגלידער. איך ווערט ניט פארריכט דער פעהלער פון אינדזשאנקשאן, — האט הילקוויט ערקלערט, — דורך דעם פאקט וואס די האנדלונגען ווערען געבראכט אין נאמען פון מיטגלידער, וועמעס נעמען ווערען ניט דערמאנט".

אבער וואס העלפט עס? די אלע טענות און ארגומענטען האבען ניט געהאלפען; זיי האבען אויפ'ן ריכטער קיין ווירקונג ניט געהאט. ער האט געדענקט, אז דער אינדאסטריאל קאונסיל דארף אן אינדזשאנקשאן צו קענען געווינען נעגען דער יוניאן, און ער האט די אינדזשאנקשאן באוויליגט, ניט אכטענדיג קיינע ארגומענטען, אדער פראטעסטען פון דער יוניאן און איהרע פארשטעהער.

די „סאנס און איטאלי" האט געשיקט א באגריסונג צו די קלאוק סטרייקער

אין גענעראל אפיס פון אונזער אינטערנעשאנאל איז לעצטע וואך ערהאלטען געווארען א בריוו, אונטערגעשריבען פון דעם גענעראל סעקרעטאר פון די „סאנס און איטאלי", דער וויכטיגסטער ארדען פון איטאליעניש שפרעכענדע איינוואוינער פון אמעריקא, איינשליסענדיג א רעזאלוציע וואס איז אנגענומען געווארען אויף זייער יעהרליכער קאנווענשאן, וואס איז אפגעהאלטען געווארען לעצטע וואך אין דער שטאט ניו יארק. די רעזאלוציע לעזט זיך ווי פאלגט:

„אין אנבאטראכט, דאס 40 טויזענט קלאוקמאכער אין דער שטאט ניו יארק זיינען פאר די לעצטע 13 וואכען פארנומען אין א גרויסען קאמף צו באשיצען זייערע רעכטען פאר מענשליכע ארבייטס באדינגונגען, און

„אין אנבאטראכט, דאס עס געפינען זיך צווישען די סטרייקער א גרויסע צאל מיטגלידער פון דיזען „גרענד לאדזש", אדער פון „סאנס און איטאלי", און

„אין אנבאטראכט דאס דיזע סטרייקער האבען געמוזט אויסשטעהן פילע שלעכטע באהאנדלונגען פון באלעבאטים, און אלס רעזולטאט דערפון זיינען הונדערטער סטרייקערס ארעסטירט געווארען יעדען טאג און זיינען באשטראפט געווארען מיט געלט, אדער זיצען אין דזשייל,

„באשליסט, דאריבער, די סאנס און איטאלי, גרענד לאדזש, אין קאנווענשאן פארזאמעלט, צו אויסדריקען דיזע סטרייקערס סימפאטיע און ערמוטיגונג, און די הארציגסטע וואונשען פון אונזער לאדזש, דאס זייער איצטיגער קאמפער זאל דינגען צו פארבעסערען די ארבייטס-באדינגונגען".

עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

ערעפנונג פון נייעם עדיוקיישאנאל סיזאן וועט געפייערט ווערען פרייטאג, 19טען נאוועמבער

אונזער עדיוקיישאנעל דעפארטמענט מאכט ארענדזשמענטס צו פייערען די ערעפענונג פון אונזער עדיוקיישאנעל סעזאן פרייטאג אוונט, דעם 19טען נאוועמבער, אין דעם גרויסארטיגען אודיטאריום פון וואשינגטאן אירווינג הייסקול, 16טע סט. און אירווינג פלייס. א שעהנער קאנצערט וועט געגעבען ווערען, אין וועלכען עס וועלען זיך באטייליגען פראמינענטע ארטיסטען. עס וועלען געהאלטען ווערען קורצע רעדעס פון די מיטגלידער פון אונזער פאקולטעט, און נאכ'ן קאנצערט וועלען זיין טענץ אין דזשימנייזיום.

עס וועט אויסגעטיילט ווערען אונזער 36-זייטיגער בולעטין, אנאנסירענדיג אונזער בילדונגס-טעטיגקייט. מיטגלידער פון אונזער סטודענטען-קאונסיל וועלען זיין אין דער רעסעפשאן-קאמיטע. עס וועט געטאן ווערען אלעס, ווי אימער, צו שאפען דעם גייסט פון איין גרויסער משפחה אין זאל.

איינטריט צו דער אונטערנעהמונג וועט זיין דורך טיקעטס, וועלכע וועלען צוטיילט ווערען פריי און פראפארציאנעל צווישען אונזערע לאקאלע יוניאנס און צו די סטודענטען פון אונזערע קלאסען.

נעהמט אין אנבאטראכט, דאס די אונטערנעהמונג וועט פארקומען פרייטאג אוונט, דעם 19טען נאוועמבער, און ניט שבת, דעם 13טען נאוועמבער, ווי מיר האבען עס פריהער אנאנסירט. די קלאסען אבער וועלען זיך אנפאנגען שבת, דעם 13-טען נאוועמבער, 1:15 נאכמיטאג, אין רום 530 פון וואשינגטאן אירווינג הייסקול.

א דעטאלירטע פראגראם וועט אנאנסירט ווערען שפעטער.

ערשטער אויפטריט פון דער „הבימה" אין דייטשלאנד רופט ארויס באגייסטערונג.

דער ערשטער אויפטריט פון דעם העברעאישען קונסט טעאטער „הבימה", וואס איז פארגעקומען די וואך אין בערלין, האט ארויסגערופען גרויס באגייסטערונג אין דער בערלינער קינסטלערישער וועלט.

די בערלינער צייטונגען ווידמענען פיל לייטארטיקלען פאר דעם „הבימה" טעאטער, ערקלערענדיג, אז די ערשטע „הבימה"-פארשטעלונג האט געצייגט, אז דער טעאטער פארמאגט געניאלע קונסט-פעהיגקייטען. די פארשטעלונג, מיט וועלכער די „הבימה" האט געמאכט איהר ארויסטריט, איז אנסקי'ס „דיבוק".

פון דייטשלאנד וועט דער „הבימה" טעאטער אפפאהרען קיין אמעריקא אויף א רייע פארשטעלונגען.

יונייטעד טעקסטיל ארבייטער לאזען ארויס א רוף פאר הילף פאר די פאסייקער סטרייקער

פרעזידענט מעקמאהאן ערקלעהרט, דאס די פארפאלגונג פון דער פאליציי ווערט ערגער.

אונזער גענעראל אפיס האט ערהאלטען א בריוו פון די יונייטעד טעקסטיל ארבייטער פון אמעריקא, אונטערגעשריבען פון טאמעס פ. מעקמאהאן, פרעזידענט און שרה א. קאנבאי, סעקרעטאר־טרעזשורער, ציעהענדיג אונזער אויפמערקזאמקייט אויף דער גוואלדיגער נויט אין וועלכער עס געפינען זיך די 10 טויזענט סטרייקער אין פאסעיק, נ. דזש., נאך א סטרייק פון איבער אכט מאנאטען. די פאסעיק סטרייקערס האבען זיך לעצטענס אנגעשלאסען אן דער א. פ. אוו. ל. יוניאן פון דער טעקסטיל אינדוסטרי, אבער זייערע באלעבאטים ווילען נאך אלץ ניט נאכגעבען די פאדערונגען פון די ארבייטער, און די פארפאלגונגען פון דער פאליציי ווערט נאך מעהר ברוטאל און אומפאראנטווארטליך. און די באאמטע פון די יונייטעד טעקסטיל ארבייטער ווענדען זיך צו דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט אין אמעריקא צו געבען די פאסעיקער סטרייקער יעדע מעגליכע שטיצע און העלפען זיי געווינען זייער איצטיגען קאמף. צווישען אנדערש, זאגט זיך אין אפיל פאלגענדעס:

„די פאסעיקער סטרייקער זיינען אריינגענומען געווארען אין דער ארגאניזאציע פון די יונייטעד טעקסטיל ארבייטער פון אמעריקא, און זיינען געטשארטערט געווארען אלס לאקאל 1603. דיזע סטרייקער זיינען, דעריבער, איצט א גליד פון דער א. פ. אוו ל. אונזער קאנווענשאן, וועלכע איז אפגעהאלטען געווארען אין דער שטאדט ניו יארק, פון דעם 13טען ביז דעם 18טען סעפטעמבער, האט באאויפטראגט די הויפט באאמטע צו שטיצען דיזען סטרייק מיט יעדער מעגליכקייט און העלפען ברייננען איהם צו אן ערפאלגרייכען שלוס. די קאנווענשאן האט אויך אינסטרואירט די באאמטע צו ווענדען זיך צו אלע אנגעשלאסענע יוניאנס פון דער אמעריקאן פעדעריישאן און לייבאר צו געבען יעדע מעגליכע שטיצע צו די פאסייקער סטרייקער."

שליסט זיך אן אין די קלאסען אין אונזערע יוניטי סענטערס

אונזערע מיטגלידער קענען אריינטרעטען אין קלאסען אין ענגליש אין די פאלגענדע אוונט שולען:

איסט-סייד — פ. ס. 25, 5טע סטריט, צווישען 1טער און 2טער עוו.
הארלעם. — פ. ס. 72, לעקסינגטאן עוו., צווישען 105טע און 106טע סט.
לאוער בראנקס — פ. ס. 43, בראון פלייס און 135טע סט.
בראנקס — פ. ס. 54, פרימאן סט. און אינטערוויל עוו.
בראנזוויל — פ. ס. 150, קריסטאפער עוו. און סעקמאן סט.

מיר ווילען ציהען אייער אויפמערקזאמקייט צו די פאלגענדע אומענדערונגען: דער הארלעמער יוניטי סענטער האט זיך לעצטען יאהר געפונען אין פ. ס. 171. היינטיגס יאהר וועט עס זיין אין פ. ס. 72. לעצטען יאהר איז דער יוניטי צענטער אין בראנקס געווען אין פ. ס. 61, היינטיגס יאהר וועט עס זיין אין פ. ס. 54. דיזע אומביטען זיינען געמאכט געווארען, ווייל די נייע פלעצער געפינען זיך אין א באקוועמערען געגענד.

עס וועלען געגעבען ווערען קלאסען אין ענגליש פאר אנפאנגער, און פאר מעהר פארטגעשריטענע סטודענטען. אין איינינע וואכען ארום וועט אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט אויך אנפאנגען צו געבען דארטען וועכענטליכע קלאסען אין עקאנאמיע, די ארבייטער באוועגונג, און אז. וו.

ווען איהר רעגיסטרירט זיך, פארגעסט ניט צו דערמאנען, אז איהר זייט א מיטגליד פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאן.

ווייט גודס וואירקערס יוניאן פיהרט אן לעבעדיגען ארגאניזאציאנס קאמפיין.

די ווהייט גודס ארבייטער יוניאן, לאקאל 62, האט לעצטע וואך געוואונען א באדייטענדען זיג אין געריכט, איבער דער „סטענדארד אנדערוועער קאמפאני", פון 151 וועסט 30טע סטריט. דיזע פירמע האט נאך מיט פינף מאנאטען צוריק אויסגעשלאסען איהרע ארבייטער, און לאקאל 62, די ווהייט גודס ארבייטער יוניאן, האט די גאנצע צייט אנגעפיהרט אן אנגעשטרענגטען און אנגעשלאסענעם קאמף נעגען דיזען לאק-אוט. דער שאפ איז יעדען טאג געפיקעט געווארען פון א קאמיטע פון די ארבייטער פון שאפ, ווי אויך פון אנדערע יוניאן שעפער. צוויי ארבייטער פון שאפ קייטי פיינגאלד, וועלכע האט דארטען געארבייט איבער 6 יאהר, און מרס. פעני ברעטמען, וועלכע האט דארטען געארבייט מעהר ווי פערצעהן יאהר, זיינען ארעסטירט געווארען אויף געפעלשטע קלאגען פון „דיסארדערלי קאנדאקט". די צוויי ארעסטירטע זיינען לעצטען דינסטאג און מיטוואך, דעם 27טען און 28טען סעפטעמבער, ערשינען פאר ריכטער נאראן אין דזשעפערסאן מארקעט קאורט, און זיינען פון איהם באפרייט געווארען.

די יוניאן זעצט פאר דעם ארגאניזאציאנס-דרייוו, וועלכען זי האט לעצטענס אנגעפאנגען נעגען די ניט יוניאן שעפער. פאר היינטיגען דאנערשטאג, דעם 7טען אקטאבער, גלייך נאך דער ארבייט, איז פאררופען געווארען א פארזאמלונג פון דער ארגאניזאציאנס-קאמיטע. עס ווערט ערווארטעט, אז איבער הונדערט מיטגלידער פון דיזען קאמיטעט וועלען באזוכען דעם מיטינג און וועלען דיסקוטירען פלענער ווי אזוי אריינצוברענגען די ניט יוניאן שעפער אין די רייען פון דער ארגאניזאציע.

די ווהייט גודס ארבייטער יוניאן פאדערט אויף אלע איהרע מעמבערס צו קאאפערירען מיט איהר אויף דעם פאלגענדען אופן:

1) אויב איהר ארבייט אין א ניט-יוניאן שאפ, מעלדעט זיך גלייך אין אפיס פון דער יוניאן, 117 צווייטע עוו., טעלעפאן ארמשארד 7106.

2) אויב איהר ווייסט די נעמען און אדרעסען פון מיידלאך, יוניאן מעמבערס אדער ניט יוניאן מעמבערס, וועלכע ארבייטען אין ניט יוניאן שעפער, שיקט זיי גלייך אריין אין אפיס.

3) אויב איהר זייט גרייט און ווילינג צו העלפען אין דעם ארגאניזאציאנס-דרייוו, אויסשפילען ליטעראטור, און רעדען מיט די ארבייטער פון די ניט-יוניאן שעפער, וועט דער אפיס זיין זעהר צופרידען צו הערען פון אייך.

דער סיזאן אין דער מאזלין און סילק-אנדערוועער טרייד איז איצט אין פולען גאנג. ארבייט איז דא גענוג, און עס איז אפילו דא א מאנגעל אין גוטע אפריימערס, ספעציעל אויף די סילק לייגס. און די צייט איז איצט רייף פאר אנפיהרען אן ענערגישען ארגאניזאציאנס-קאמפיין, און עס ווערט ערווארטעט אין דיזער ארבייט די מיטהילף און קאאפעראציע פון יעדען מיטגליד פון דער יוניאן.

די געווערקשאפטען אפעלירט פאר די מילך-דרייווערס יוניאן.

די מילך-דרייווערס יוניאן פיהרט איצט אן א לעבהאפטען קאמפיין צו ארגאניזירען אלע מילך דרייווערס. אין דיזען קאמפיין איז די יוניאן ערפאלגרייך. הונדערטער דרייווערס שליסען זיך אן אין דער יוניאן און ווערען טעטיגע מיטגלידער.

די לאגע פון די מילך-דרייווערס איז אלעמען גוט באקאנט. זיי ארבייטען טאג און נאכט, זיי האבען זעלטען ווען רוה און זייערע פארדינסטען זיינען קלעגליכע. פילע פון זיי קריגען הארץ-קראנקהייטען פון קלעטערן אויף שטיגען ארויף און אראפ און די ארבייט אין אלגעמיין איז אן אומגעהויער שווערע. אין די ערגסטע ווינטערן, אין רעגען און שניי, אין די גרעסטע פרעסט און שטורעמס זיינען זיי געצוואונגען צו ארבייטען אהן אויפהער און אלעם פאר דעם שטיקעל טרוקענעם ברויט.

זיי רעארגאניזירען זיך איצט. זיי באפעסטיגען זייער יוניאן און דאמיט האפען זיי צו פארבעסערען זייערע ארבייטס-באדינגונגען.

די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען אפעלירט דארום צו אלע רעכט-דענקענדע פרויען צו העלפען די דרייווערס אין זייער יעצטיגען פארזוך צו באפרייען זיך פון זייער שקלאפעריי. אלץ וואס מיר בעטען צו טהאן איז בלויז צו קויפען מילך אין יוניאן קאמפאניעס. און דאס קענט איהר טהאן ווען איהר וועט פאדערען פון אייער דרייווער א יוניאן קארד און א יוניאן באטאן. פילע אנגעזעהענע קאמפאניעס האבען געסעטעלט מיט דער יוניאן און עס איז לייכט דארום צו קריגען מילך צוגעשטעלט פון יוניאן דרייווערס.

מ. פיינסטאן, סעקרעטער.

קלאוקמאכער וועלען שטעהן אין קאמף ביז די עקשנות פון די באלעבאטים וועט געבראכען ווערען

(שלוס פון זייט 1)

די סטרייקער און פאר'ן סטרייק. אבער אונטער די אומשטענדען, אין דעם זעהר שווערען קאמף, וואס די יוניאן האט צו פיהרען, איז עס ניט גענוג. און די עקזעקוטיווע פון דער גענעראל סטרייק קאמיטע האט רעקאמענדירט, אז די צאלונגען פון די קלאוקמאכער, אין די געסעטעלטע שעפער, זאל געהעכערט ווערען מיט פינף פראצענט. דאס הייסט, אנשטאט 15 פראצענט, ווי זיי האבען געצאלט ביז איצט, זאלען זיי, פון איצט און ווייטער צאלען 20 פראצענט.

די גענעראל סטרייק קאמיטע האט די רעקאמענדאציע גוטגעהייסען און איצטער איז עס שוין א באשלוס.

עס איז איבעריג צו זאגען, דאס די ארבייטער פון די געסעטעלטע קלאוק־שעפער ווייסען די לאגע פונקט אזוי גוט ווי די סטרייקער אין די האלס, און דאס זיי וועלען דעריבער גאנץ וויליג צאלען 20 פראצענט פון זייער פארדינסט אויף אויפצוהאלטען דעם סטרייק; צו העלפען דערפיהרען דעם גרויסען קאמף צו א זיג־רייכען סוף.

היינט, מיטוואך, ווען די שורות ווערען געשריבען, ווערט אפגעהאלטען א ספעציעלע פערזאמלונג פון די ארבייטער פון די געסעטעלטע קלאוק־שעפער, און מיר האבען ניט דעם מינדעסטען צווייפעל, דאס דער באשלוס פון דער גענעראל סטרייק קאמיטע, צו העכערען די צאלונגען צו 20 פראצענט, וועט איינשטימיג אנגענומען ווערען. די ארבייטער פון די געסעטעלטע שעפער ווייסען, דאס די סטרייקערס אין די האלס קעמפען פאר אלע ארבייטער אין דער קלאוק אינדוסטריע פון ניו יארק. פאר די קלאוקמאכער אין די געסעטעלטע שעפער, אזוי גוט ווי פאר זיך אליין, און זיי, די ארבייטער פון די געסעטעלטע קלאוק־שעפער, וועלען זיכער טאן אלץ וואס זיי קענען צו העלפען פינאנסירען דעם סטרייק; צו זעהן, אז די קלאוקמאכער וואס שטייען אין סטרייק זאלען קאנען רעגעלמעסיג באקומען סטרייק־בענעפיט, ווי לאנג דער סטרייק וועט מוזען געדויערען.

פאליציי פארפאלגט סטרייקער און מאכט א סך ארעסטען

די פאליציי פון ניו יארק דינט גאנץ געטריי די באלעבאטים און מאכט א סך ארעסטען. מען ארעסטירט וועמען מען טרעפט אין קלאוק דיסטריקט, אפילו אזוינע וואס זיינען גארנים קיינע פיקעטס. מען ארעסטירט ארבייטער וואס געהען צו דער ארבייט אין די געסעטעלטע שעפער און אויך אזוינע וואס זיינען גארנים קיין קלאוקמאכער.

באזונדערס טעטיג איז די פאליציי געווען מאנטאג אין דער פריה. ארום דריי הונדערט סטרייקער זיינען ארעסטירט געווארען. די פאליציי האט ארעסטירט רעכטס און לינקס. מען האט אנגעפאקט די פאטרול וועגען מיט סטרייקער און זיי אפגעפיהרט אין פאלים סטיישאן. שפעטער זיינען זיי פארגעבראכט געווארען פאר מעדזשיסטרייט סילבערמאן, פון דזשעפערסאן מארקעט קאורט, האט ער די ארעסטירטע קלאוק סטרייקער געגעבען די שווערסטע שטראף. ער האט זיי שטראפירט צו 50 און 25 דאלאר אדער צו 10 און 5 טעג אין פריזאן.

געגען די ארעסטירטע פיקעטס זיינען קיינע קלאגען ניט געווען. מען האט זיי ארעסטירט און שווער באשטראפט בלויז פאר מאכען א פרידליכען שפאציר אין דעם קלאוק דיסטריקט. פאר אט דעם פארברעכען האט מען זיי געגעבען אזא שווערע שטראף ווי 10 טעג פריזאן. דאס האט, נאטירליך, ארויסגערופען די גרעסטע ענטריסטונג צווישען די קלאוק מאכער און אלע אנדערע ארבייטער.

ארעסטירט זיינען געווארען ארום 300. גלייך אינדערפריה, ווען די סטרייקער זיינען געקומען אין קלאוק דיסטריקט, האבען זיי שוין געטראפען די פאליציי צוגעגרייט מיט פאטרול וועגענער. די פאליציי האט זיך, ווי איהר זעהט, פריהער צוגעגרייט צו מאכען א דזשאב. זיי האבען גלייך צוזאמענגעטריבען די פארביינעהער און אנגעהויבען אנצופאקען די פאטרול וועגענער.

דערביי האבען זיי ניט געקוקט וועמען און וואס זיי ארעסטירען. ס'זיינען דורכגעגאנגען א גרופע פון 8 ארבייטער פון וויינשטיין ברידערס שאפ, א געסעטעלטער שאפ. זיי זיינען געגאנגען פרידליך צו דער ארבייט. האט זיי די פאליציי ארעסטירט און אריינגעפאקט אין פאטרול וואגען.

איין ארבייטער איז פארביינעגאנגען און האט אויסגערופען „הורא פאר דער יוניאן!" האט מען איהם ארעסטירט און נאכדעם באשטראפט מיט 10 דאלאר. די פאליציי איז דעם מאל געווען באזונדערס ברוטאל.

צווישען די ארעסטירטע זיינען געווען אייניגע בעאמטע פון דער יוניאן, ווי סאשא זימערמאן, וויים־טשערמאן פון דער סטרייק קאמיטע, ברודער שעק, דער מענעדזשער פון דער דעזיינערס יוניאן, און נאך אנדערע.

מעדזשיסטרייט סילבערמאן, פון דעם דזשעפערסאן מארקעט קאורט, איז מאנטאג געווען באזונדערס שטרענג. ארום א 40 ארעסטירטע זיינען פאר איהם פארגעבראכט געווארען און אלעמען האט ער באשטראפט מיט 50 און 25 דאלאר, אדער מיט 10 און 5 טעג פריזאן.

א סך פון די סטרייקערס האבען זיך ענטזאגט צו צאהלען די שטראף און זיינען בעסער געגאנגען זיצען אין פריזאן.

צווישען די, וואס האבען געקראגען די גרעסטע שטראף, צו 50 דאלאר, און האבען בעסער אויסגעקליבען צו געהן אויף 10 טעג אין פריזאן איידער צו באצאהלען די שטראף, געפינען זיך טשארלס זימערמאן, דער וויים־טשערמאן פון דער סטרייק קאמיטע; סעמועל זעלדין, מענעדזשער פון בראנזווילער דיסטריקט פון דער קלאוקמאכער יוניאן, און ברודער דזש. גאלדשטיין, א דרעס קאטער. זיי זיינען געזעסען איין טאג אין די „טומס" און אויף אן אפיל זיינען זיי ארויס אויף בייל, ביז א צווייטען טריעל.

די לאיערס פון דער יוניאן האבען דינסטאג אפעלירט געגען דעם מעדזשיסטרייט סילבערמאן'ס אורטייל, און ווען די שורות ווערען געשריבען, ווייס מען נאך ניט דעם רעזולטאט.

אבער די אלע ארעסטען און פארפאלגונגען פון דער פאליציי און די ריכטער וועלען די בראווע קלאוק סטרייקער ניט אפשרעקען צו אנפיהרען זייער קאמף ביז א פאלשטענדיגען זיג. די קלאוק סטרייקער פיהלען, אז די גאנצע ארבייטער באוועגונג איז מיט זיי, אז די ארבייטער מאסען וועלען זיי שטיצען אין זייער קאמף און זיי פיהלען זיך מוטיג און ענטשלאסען צו סטרייקען ביז דער סטרייק וועט עהרנהאפט געסעטעלט ווערען. די בראווע קלאוק סטרייקער וועלען פון שלאכטפעלד ניט אנטלויפען, ווי לאנג דער סטרייק זאל ניט דארפען און מוזען געדויערען.

די אמאלגאמייטעד, דער „פארווערטס", די קעפמייקערס און נאך אנדערע קערפערשאפטען שיקען פינאנציעלע הילף

דער נויט־געשריי פון דער גענעראל סטרייק קאמיטע; דער רוף, וואס די קלאוקמאכער יוניאן, צוזאמען מיט אונזער אינטערנעשאנאל, האבען ארויסגעלאזען צו דער גאנצער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא פאר פינאנציעלע הילף, האט ניט פארפעלט צו מאכען די ריכטיגע ווירקונג. ווי מיר האבען עס ערווארטעט, האט דער רוף געפונען א ווארימען אפקלאנג פון נאהענט און פון ווייט און געלט־שטיצע האט באלד אנגעהויבען אריינצוקומען.

אונזער ברודער־ארגאניזאציע, די „אמאלגאמייטעד קלאדינג ווארקערס אוו אמעריקא", האט געענטפערט מיט 25 טויזענט דאלאר. 10 טויזענט דאלאר האט די אמאלגאמייטעד באלד צוגעשיקט, און דאס איבעריגע וועט געווים קומען אין צייט. און די אמאלגאמייטעד האט געלאזען וויסען, אז דאס איז נאך ווייט ניט אלץ; דאס די ארגאניזאציע ארבייט אויס א פלאן, צו קאנען געבען מעהר הילף.

אחוץ דעם האט דער דזשאינט באארד פון די אמאלגאמייטעד אין ראטשעסטער באזונדער צוגעשיקט 5 טויזענט דאלאר פאר'ן סטרייק. דאס איז ווירקליך גאנץ שעהן.

די „פארווערטס"־„אסאסיאיישאן" האט דאנערשטאג, אויף איהר לעצטען מיטינג, באשלאסען צו געבען 15 טויזענט דאלאר און 5 טויזענט באלד צוגעשיקט.

די קעפ מייקערס אינטערנעשאנאל יוניאן האט געגעבען, דערווייל בלויז, 4 טויזענט דאלאר, און דער מילינערי לאקאל 24 האט געגעבען 3 טויזענט דאלאר.

באדייטענדע סומען געלט קומען, פארשטעהט זיך, אויך פון אונזערע אייגענע יוניאנס איבער'ן לאנד.

די באסטאנער קלאוקמאכער און דרעסמאכער יוניאן האט צוגעשיקט 5 טויזענט דאלאר; די קליוולענדער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן — 5 טויזענט דאלאר; די פילאדעלפיער קלאוק יוניאן האט שוין געגעבען 6500 דאלאר פאר'ן סטרייק. די לאס אנדזשעלעס קלאוקמאכער יוניאן האט געשיקט נאך 500 דאלאר.

שטיצע קומט אויך אן פון מאנכע ארבייטער רינג ברענטשעס. כמעט אלע ארבייטער רינג ברענטשעס, וואס האבען די וואך געהאט מיטינגען, האבען אויפגענומען די פראגע פון שטיצען דעם קלאוק סטרייק און כמעט יעדער ברענטש האט באשלאסען צו שטיצען דעם סטרייק ווער מיט א גרעסערער און ווער מיט א קלענערער סומע — יעדער ברענטש נאך זיינע מעגליכקייטען.

דער גענעראל אפיס פון „ארבייטער רינג" האט ארויסגעשיקט א רוף צו זיינע ברענטשעס צו העלפען די קלאוק סטרייקער, און די ברענטשעס וועלען געווים זיך אפרופען.

אינטערנעשאנאל מיטגלידער פון פילאדעלפיע ארבייטען א טאג פאר די ניו יארקער סטרייקער

לאקאל 50 פאנגט אן דעם הערבסט קאמפיין מיט א טעאטער אונטערנעמונג, דעם 20טען אקטאבער.

מיט א וואך צוריק האבען אלע ארבייטער אין די פילאדעלפיא קלאוק און דרעס שאפס געארבייט א פולן טאג פאר די סטרייקענדע קלאוקמאכער פון ניו־יארק. די פארדינסטען פון דיזען טאג, אזוי גיך ווי זיי וועלען איינגעקאלעקטירט ווערען, וועלען אפגעשיקט ווערען פאר דעם רעליף פאנד פון די סטרייקער.

דער ערשטער טשעק פון פילאדעלפיא פאר די סומע פון פינף טויזענט דאלאר איז אנגעקומען אין הויפט אפיס ענדע פון דער לעצטער וואך, און דאס איבעריגע געלט ווערט געזאמעלט און וועט צוגעשיקט ווערען אזוי גיך ווי מעגליך.

טעאטער אונטערנעמונג אין ארטש סטריט טעאטער.

ווי מיר האבען שוין בעריכטעט אין „גערעכטיגקייט" מיט צוויי וואכען צוריק, ארגאנזירען די פילאדעלפיער מיטגלידער פון לאקאל 50 א גרויסע טעאטער אונטערנעמונג פאר שבת, דעם 20טען אקטאבער. די אונטערנעמונג וועט זיין אן אנפאנג פון דער הערבסט ארגאניזאציאנס ארבייט, און עס ווערט אויך ערווארטעט, אז די פארשטעלונג וועט שאפען די נויטיגע פאנדען פאר דער אנפיהרונג פון א ווירקזאמער און ווייטפארשפרייטער טעטיגקייט.

דער קאמיטעט, וועלכער ארגאנזירט די אונטערנעמונג, בעריכטעט, דאס עס וועט געשפילט ווערען יענעם אוונט דוד פינסקי'ס דראמע, „יעדער מיט זיין גאט" און די ארענדזשמענט קאמיטע איז איבערצייגט, אז די גאנצע היוז וועט זיין אויספארקויפט נאך בעפאר דעם טאג פון דער פארשטעלונג. עס איז ווינשענסווערט, אז די מיטגלידער אונזערע אין פילאדעלפיע זאלען זיך באלד באזארגען מיט טיקעטס פאר דער אונטערנעמונג.

דער אינדזשאנקשאן אין קלאוק סטרייק ווערט געמאכט „פערמאנענט"

ריכטער אינגרעהעם איגנארירט ארגומענטען פון יוניאנס לאיער. — הילקוויט פראטעסטירט געגען פונקט פארוועהרענדיג אירגענד וועלכע פיקעטינג.

דער צייטווייליגער אינדזשאנקשאן, וועלכער איז מיט א פאר וואכען צוריק ארויסגעגעבען געווארען פון ריכטער גאי, צום אינדאסטריאל קאונסיל, געגען דעם דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער, און געגען דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענטס ווארקערס יוניאן, איז געמאכט געווארען „פערמאנענט" מיטוואך אין דער פריה, דעם 29טען סעפטעמבער.

מארים הילקוויט, וועלכער האט פארטיידיגט די יוניאן, האט אין זיין ענטפער אויף דער אפליקאציע פון דעם אינדאסטריאל קאונסיל פאר דעם אינדזשאנקשאן, באהויפטעט, אז דער איצטיגער קלאוק סטרייק איז געזעצליך, האבענדיג אלס ציל צו פארבעסערען די עקאנאמישע לאגע פון די ארבייטער, און ווען דער סטרייק איז ארויסגערופען געווארען, איז ניט געבראכען געווארען קיין עקזיסטירענדער אגרימענט.

אין דעם ענטפער, וואס מארים הילקוויט האט צוגעשטעלט דעם סופרים קאורט ריכטער אינגראהעם, האט ער ספעציעל אנגעוויזען אויף דעם פונקט אין דעם צייטווייליגען אינדזשאנקשאן וועלכער איז ארויסגעגעבען געווארען פון ריכטער גאי, פארבאטענדיג אין גאנצען צו פיקעטען די שעפער פון די מיטגלידער פון אינדאסטריאל קאונסיל.

וואס אנבאלאנגט די לעגאליטעט פון דעם איצטיגען פיקעטען, האט הילקוויט געזאגט:

„עס איז א זעלבסט פארשטענדליכע טאטזאך, דאס אין יעדען סטרייק האבען די ארבייטער דאס רעכט צו פיקעטען, און צו ווירקען אויף מעגליכע סטרייקברעכער, אז זיי זאלען זיך אנשליסען אין אונזערע רייהען. אזוי לאנג ווי דאס ווערט געטאן אין א פרידליכען, ארדערליכען אופן, ניט באנוצענדיג זיך מיט סטראשונקעס, אינטימידאציעס, אדער געשלעגען, האבען די ארבייטער די פולע רעכט צו פיקעטען".

דער יוניאנ'ס פארטיידיגער האט אויך אויסגעזעצט געגען דעם אופן ווי עס איז פאר דעם אינדזשאנקשאן אויסגענוצט געווארען א באהויפטונג, וואס סופרים קאורט דזשאסטים טעפט זאל האבען געמאכט וועגען דאס רעכט צו פיקעטען. וויליאם קליין, דער אטוירני פאר די מאנופעקטשורערס, האט זיך באנוצט מיט טעפט'ס א באהויפטונג צו שאפען דעם איינדרוק, דאס פיקעטען פון אירגענד וועלכען סארט איז פארבאטען געווארען אין דער קעיס פון אמעריקאן שטאל־פאונדריס געגען דער סיטי סענטראל טריידס קאונסיל, אינק.

דער אמת איז, דאס ריכטער טעפט האט ניט ערקלערט, אז פיקעטען איז אן און פאר זיך אומגעזעצליך, האט הילקוויט אנגעוויזען. דער ריכטער, האט דערמאלט אמת אויסגעזעצט געגען דעם ווארט „פיקעט" און האט אויפגעפאדערט אז מען זאל זיך אנשטאט דעם באנוצען מיט דעם ווארט „מיסיאנער". דער געריכט האט אבער יא ערלויבט פיקעטען אין אלגעמיינעם זין. הילקוויט האט אויך אנגעוויזען אויף דעם פאקט, דאס דער אויבענדערמאנטער פאל האט זיך געהאנדעלט בלויז וועגען איין באלעבאס און איין ארבייטס־פלאץ, ווערענד אין דעם איצטיגען קלאוק סטרייק האנדעלט עס זיך וועגען צוויי טויזענט באלעבאטים און צוויי טויזענט ארבייטס־פלעצער.

הילקוויט האט אויך גע'טענה'ט, דאס עס איז אבסאלוט ניט פאראן קיין בא־

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President — A. BAROFF, Sec'y-Treas.
L. FINKELSTEIN, Acting Editor
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. VIII. No. 41. — Friday, October 8, 1926
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

די קראנקע פיאניסטין

(ערצעהלונג)
פון תלוש

איך האב זי צום ערשטען מאל גע־זעהן אויף א קאנצערט אין די קעטסקיל בערג. זי האט געשפילט פיאנא אין א גרויסען רייכען האטעל. דער זאל איז געווען געפאקט, און איידער זי האט זיך באוויזען אויף דער סצענע, האבען אלע שטיל גערעדט וועגען איהר. מען האט איבערגענעבען, אז זי איז שוין געווען אין א משוגעים־הויז, וואו זי פלעגט אפט שפילען פאר די קראנקע און איהרע מע־לאדיען האבען אזוי גוט געווירקט אויף די ליידענדע, אז פילע פון זיי האבען זיך אינגאנצען אויסגעהיילט פון א שווערער מרה־שחורה, וואס האט זיי געמאטערט, און געפונען רוה.

מען האט אויך דערצעהלט, אז איהרע עלטערען זיינען זעהר רייך. זי איז ביי זיי א בת־יחידה, און איצט פאהרען זיי ארום מיט איהר פון א קוראָרט צו א קוראָרט און קענען ניט געפינען קיין היילף פאר איהר.

זי איז געווען הויך און דאר, מיט לאנגע, צארטע און דינע הענט, מיט זעהר א בלאסען, אויסגעמאטערטען גע־זיכט, און איהרע אויגען האבען א מינוט ניט גערוהט. זי פלעגט האלטען אין איין ווארפען ארום זיך מאדנע און טרויערינע בליקען און אימער זוכען עפעס, וואס זאל איהר ברענגען פרייד און אויסוועבען א וואונדערבארע נעץ ארום איהרע שלאפלאזע און לאנגע נעכט.

און ווען זי האט זיך באוויזען אויף דער סצענע א הויכע, א פארטראכטע, אין א לאנגען שווארצען קלייד און גענומען ווארפען איהרע מאדנע אומרוהיגע בליקען ארום זיך, איז אין זאל דורך א שטילער שרעק, און אלעמען האט זיך גערדאכט, אז אט־אט וועט זי אנפאנגען ווילד שרייען, וויינען און רייסען אויף זיך די קליידער פון אומעט און פיין.

נאר זי איז א ווײלע געשטאנען אין מיטען דער סצענע און דערנאך רוהיג צוגענאנגען צו דער פיאנא און גענומען שפילען, און אלע אין זאל האבען אויפגעציטערט און זיינען געבליבען לאנג ווי באצויבערט.

איך בין געזעסען מיט פארמאכטע אויגען און האב זיך פארגעשטעלט, ווי זי, די גייסטיג־קראנקע, שפילט אין משוגעים־הויז און ווי די טענער פאריאגען שטיל די שלעכטע גייסטער פון די קראנקע נשמות, און א גרויסע פרייד שיינט אויף פאר זיי. איך האב געזעהן, ווי עס בייט זיך דער אויסדרוק אויף זייערע פנים׳ער, און זיי רינגלען זי ארום און וויינען און בעטען זי, זי זאל ניט אויפהערען צו שפילען. און ווען דער קאנצערט האט זיך געענדיגט, האט־נאך לאנג דערנאך געקלונגען אין מיינע אויערען איהרע ווילדע און שטארקע טענער פון בעטהאווענ׳ס סאנאטעס און א הויכע דארע פרוי אין שווארצען, וועגען וועלכער מען האט דערצעהלט, אז זי איז א משוגענע, איז געשטאנען פאר מיינע אויגען און געווארפען ארום זיך מאדנע און אומרוהיגע בליקען.

אין א יאהר ארום האב איך איהר ווידער געטראפען אין די בערג. אין א קליינעם טאל זיינען געשטאנען א פאר הייזער און דארט האבען פארבראכט זייער וואקאציע עטליכע יונגע לייט מיט מיידלאך, וואס האבען געלעבט אין א קאמונע.

ניט ווייט פון טאל אויף א הויכען בארג האט זיך געפונען א גרויסער רייכער האטעל און אין די אווענטען, ווען דער האטעל פלעגט זיך העל באלויכטען, האט מען אפט פון די אפענע פענצטער געהערט, ווי אימיצער שפילט פיאנא. איינער פון די יונגעלייט, וואס האט אליין געשפילט פידעל, פלעגט זיין באגייסטערט און האלטען אין איין ריידען פון דעם אומבאקאנטען מוזיקער, ווייל ער איז געווען זיכער, אז דאס שפילט א מאן.

— חברים, — פלעגט ער קומען אין טאל א צעטומעלטער און דערצעהלען, — איך בין געשטאנען א שעה און געהערט. דאס מוז שפילען א גרויסער ארטיסט.

איינמאל האט זיך אין טאל באוויזען אן אלטע פאר־פאלק. זיי זיינען צוגעקומען צום הויז, וואו מיר האבען געוואוינט, און אנגעקלאפט אין טיר. מען האט זיי אריינגערופען, און די אלטע פרוי האט מיט טרעהרען אין די אויגען דערצעהלט, אז זיי זיינען פון דער ווייטער וועסט און געפינען זיך אין האטעל מיט זייער טאכטער, א פיאניסטין, און זי איז איצט קראנק, זעהר נערוועז, און מען וויל זי ניט האלטען דארט. אפשר וועט אימיצער וועלען אכטונג געבען אויף איהר, זיינען זיי בארייט צו באצאלען, וויפיל מען וויל. אויף מארגען איז שוין די קראנקע געווען אין טאל און איינער פון אונזערע חברים מיט זיין מיידעל האט זיך גענומען אויפפאסען אויף איהר. זיי זיינען געווען שטארק צופרידען צו פארדינען אביסעל געלט. די ערשטע צייט האט זי זיך געהאלטען רוהיג און ניט געשלאפען דורך די נעכט. אלע אינדערפריה פלעג איך זי זעהן, ווי זי, א פארטראכטע, שפאצירט ארום מיט דער מיידעל איבער׳ן טאל און ווארפט ארום זיך איהרע אומרוהיגע בליקען. דער יונגערמאן, וואס האט געשפילט אויף א פידעל, פלעגט אפט פון דערווייטענס איהר נאכגעהן. און מיר האבען שוין אלע געוואוסט, אז זי איז קראנק געווארען נאך אלס קליין מיידעלע, און אז אין איהר פאמיליע זיינען פאראן א סך גייסטיג־קראנקע, און זי וועט קיינמאל ניט ווערען געזונט.

איינמאל אין אווענט האבען זיך מיטאמאל דערהערט ווילדע געשרייען פון הויז, וואו די משוגענע איז געווען. עס זיינען געווען טעג, ווען זי פלעגט שטארק ליידען פון איהר קראנקהייט. מיר זיינען אלע ארויס פון אונזערע צימערען און זיך געשטעלט הינטער איר פענסטער. דער בחור, וואס האט געשפילט פידעל, האט געציטערט, ווי אין פיבער און א בלאסער געשעפטשעט:

— דאס איז א שרעק, א שרעק. אזא טאלאנט, אזא פון גאט געבענשטער טאלאנט.

און די משוגענע האט אלץ געשריען, זיך געזידעלט מיט מיאוס׳ע ווערטער און געריסען די טיר, מען זאל זי ארויסלאזען. און פון דעם טאג אן פלעגט מען זי שוין מוזען היטען טאג און נאכט. זי האט ניט צוגעמאכט אן אויג גאנצע נעכט, כמעט נארניט געגעסען, און עס איז געווען א וואונדער, ווי אזוי זי האלט זיך אויף די פיס. מען פלעגט זי מוזען מיט גוואלד בינדען, זי זאל ליגען רוהיג, נאר זי פלעגט קעמפען פארביסען און צודראפען דער מיידעל און דעם בחור די הענט ביז בלוט. מען האט שוין געוואלט וואס גיכער פטור ווערען פון איהר, נאר איהרע עלטערען זיינען אוועקגעפאהרען קיין ניו יארק און מען האט געווארט אויף זיי.

איינמאל ביינאכט, ווען איך בין שיין געשלאפען, האט מען אנגעקלאפט אין מיין פענסטער. ביי דער טיר איז געשטאנען די מיידעל און מיך געבעטען אריין צו זיי. די משוגענע האט צובלוטיגט איהר געליבטען און זי האט מורא אליין צו בלייבען מיט איהר.

— אן אנשיקעניש, — האט זי זיך געקלאגט, — און וואס קומען איהרע עלטערען ניט צוריק!

אין א פאר מינוט ארום בין איך אריין אין הויז, וואו די קראנקע האט זיך געפונען. זי איז געזעסען אין א ווינקעל, אויף א גרויסען היכצערנעם קאסטען אין איין נאכט העמד, וואס האט כמעט אינגאנצען אפגעדעקט איהר אויסגעדארטען טרוקענעם קערפער מיט דער איינגעפאלענער ברוסט. איהרע אויגען האבען געלויכטען ווי פון א ווילדער ליידענשאפט, וואס האט געפיינגט איהר קראנקען גייסט. לעבען איהר, אין א צווייטען ווינקעל, איז געשטאנען דער בחור מיט א צובלוטיגטען פנים און האט געשריען מיט א הייזעריגען קול, ווי א שכור׳ער:

— לייגסט, ביסט ניט משוגע. איך פארשטעה דיינע שטיק. שלאפען גנה, די הערסט? אז ניט, וועל איך דיך דערהרג׳ענען!

זיין געליבטע האט איהם בארוהיגט. ער האט זיך פארשעמט פאר מיר און איז ארויס פון הויז. איך האב געזאגט דער מיידעל, אז איך וועל בלייבען מיט דער קראנקער און זי קען זיך די נאכט אויסרוהען. א ווײלע שפעטער איז זי אוועק, און איך האב זיך אוועקגעזעצט אקעגען דער קראנקער און גענומען קוקען אויף איהר. זי האט געמאכט מיאוסע באוועגונגען און נאכמעהר אפגעדעקט איהר דארען טרוקענעם קערפער. איך האב זי געפרעגט, צו וואס זי טוט עס און געזאגט, אז עס איז ניט שעהן אזוי פאר א פרוי. זי האט מיך מיטאמאל באמערקט און איז אויפגעשטאנען. א פאר מינוט האט זי געקוקט אויף מיר מיט אזא בליק, אז א קעלט האט מיך אינגאנצען דורכגענומען, דערנאך האט זי זיך ווידער געזעצט, אראפגעצויגען דאס העמד איבער די קני און זיך אינגאנצען צוזאמענגעדרעהט, ווי פון א שטארקען וועהטאג.

— לעגט זיך צו, — האב איך שטיל געבעטען, — איהר זייט דאך זעהר מיד.

זי איז אויפגעשטאנען און צוגעגאנגען צום בעט.

— אבער איהר וועט מיך ניט שלאגען? אט דער, אין דער רויטער העמדעל, וויל מיך טויטען.

זי האט אפנים אימיצען געזעהן פאר זיך.

איך האב זי בארוהיגט מיט גוטע רייד און בין צו נעהנטער צו איהר.

— איהר ווילט מיך בינדען? — האט זי געפרעגט — איך וועל זיך ניט לאזען.

איך האב איהר איינגערעדט, אז איך וועל עס טאן נאר אויף א פראבע און גלייך פאנאנדערבינדען. זי האט זיך שטיל אויסגעצויגען און איך האב זי מיט לאנגע האנטיכער צוגעבונדען צום בעט.

— איצט שלאפט רוהיג.

זי איז א ווײלע געלעגען און געשוויגען און מיטאמאל גענומען בעטען, איך זאל זי באפרייען:

— איהר דארפט זיך שעמען, — האט זי געזאגט, — איך בין א שוואכע פרוי. איהר זייט זעהר א שלעכטער.

זי האט געקוקט אויף מיר מיט טרערען אין די אויגען און זיך אלץ געבעטען, איך זאל איהר אראפלאזען פון בעט. נאר אין א פאר מינוט ארום האט זי ווידער גענומען שרייען און זיך זידלען. איך בין געזעסען לעבען איהר אין א טיפען שטול און מיר פלעגט זיך אלע ווײלע דערמאנען דער קאנצערט, וואס זי האט געגעבען אין האטעל פאראיאהרען זומער און ווי זי האט דאן אלעמען באצויבערט מיט איהר וואונדערבארען שפילען

ערשט פארטאג האט זי זיך בארוהיגט

(שלוס אויף זייט 10)

העי שוואנען!

פון ז. וויינפער

זומערדיג־בלענדענדיג, זוניגע טעג
ציהט זיך א מחנה מיט שוואנען אין וועג.
העלזוער געשטרעקטע, פליגעל געשפרייט,
פליהען די שוואנען פון ווינטלעך באגלייט.

איבער זיי — זונשיין. אונטער זיי — גראז.
טייכען צושפרייטע, ווי דורכזיכטיג גלאז.
פליהען די שוואנען ארויף און אראפ
שפיגלען די שוואנען אין טייכען זיך אפ.

טייכיגער־זילבער, גראזיגער גרין —
העי שוואנען פון וואנען, שוואנען וואוהין?
טייכיגער זילבער, גראזיגער גרין
וואס ארט מיך פון וואנען, וואס ארט מיך וואוהין?

גראמאטיקע

(פעליעטאן)

פון ז. וועהילער

די מיליאנען קינדער, וואס האבען היינטיגען מאנאט אנגעהויבען געהן אין די פארשיידענע הויכשולען און פאבליק־סקולס, האבען איין „שונא", וועמען, מען קאן זאגען, זיי האסען בייטאג און ביינאכט, און דאס איז, די גראמאטיקע. קיין אנדער געגענשטאנד ליגט זיי אזוי ניט אין די ביינער ווי די פאראהאסטע גראמאטיקע. וואס פאר א שפראך זיי זאלען ניט אנהויבען לערנען, איז באלד אן עסק מיט גראמאטיקע: איך זאג, דו זאגסט; ער געהט, זי געהט.

א אינגעל, דערצעהלט מען, האט זיך גענומען מאכען זיין לעסאן אין גראמאטיקע. אין זעלבען צימער איז געזעסען זיין אלטער זיידע, א נערוועזער איד. דאס אינגעל איז ארומגעגאנגען איבער׳ן צימער און גע׳חזר׳ט אויף א קול: — דאס אינגעל שרייבט א בריף, דאס אינגעל שרייבט א בריף... אזוי אהן א צאל מאל.

דער אלטער זיידע איז אויפגעשפרונגען און זיך צושריען: — וואס פאר א אינגעל? ווער שרייבט? וואס פאר א בריף? און אז ער שרייבט איז וואס?

וואס ווייס געבאך דער אלטער זיידע פון גראמאטיקע?

די זעלבע קשיות וואלט דאס איינקעל אויך געפרעגט, האט דאס אבער מורא פאר דעם לעהרער. זיצט עס און חזר׳ט אין האפט, אז עס וועט אמאל קומען א טאג ווען מען וועט פארברענגען אלע גראמאטיקעס.

איצט קאן מען זיך פארשטעלען די פרייד וואס אלע סקול קינדער וועלען ארויסווייזען, ווען זיי וועלען זיך דערוויסען וועגען דעם בריף פון דזשאזעף קאנראד, דער באריהמטער ענגלישער שרייבער וואס איז געשטארבען ניט לאנג צוריק.

קאנראד ווערט פאררעכענט פאר איינעם פון די גרעסטע ענגלישע שריפטשטעלער. אויסער דעם וואס זיינע ראמאנען און נאוועלען זיינען גרויסע קונסטווערק, ווערט קאנראד אויך פאררעכענט אלס גרויסער שפראך קינסטלער און סטיליסט.

אין איינעם פון זיינע בריף, וואס זיינען איצט פארעפענטליכט געווארען, האט קאנראד געשריבען אז ער האט אויף זיין לעבען ניט אנגעקוקט קיין ענגלישע גראמאטיקע. ד. ה., אז קאנראד האט געקענט שרייבען אזעלכע גרויסע קונסטווערק אין אזא בריליאנטענער שפראך, ניט האבענדיג געלערענט קיין גראמאטיקע. און דאס נאך ווען קאנראד האט אנגעהויבען לערנען ענגליש ווען ער איז שוין געווען א יונגערמאן פון 20 יאהר. קאנראד, ווי עס איז אלעמען באוואוסט, איז געווען א פאליאק, און גערעדט נאר פויליש. ערשט צו צוואנציג יאהר איז ער אנגעקומען קיין ענגלאנד און אנגעהויבען זיך לערנען ענגליש. אזוי אז די ענגלישע שפראך האט ער ניט איינגעזאפט, ווי מען זאגט, מיט דער מוטער׳ס מילך, נאר זי געמוזט אויסלערנען פון דעם ערשטען ביז דעם לעצטען ווארט.

אויב אזוי, קאן דאך א סקול אינגעל פרעגען, צו וואס דארף מען טאקע גראמאטיקע? אז אלע לעהרער און פראפעסארען פון גראמאטיקע, קאנען ניט קיין איין לייטישע שורה אנשרייבען, און אנדערע וואס האבן קיין גראמאטיקע אפילו אין די אויגען ניט אנגעקוקט שרייבען אזעלכע אומשטערבליכע קונסט־ווערק, טא צו וואס דארף מען מוטשען אזוי פיל קינדער אומזיסט?

און עס איז א סברא, אז קאנראד איז ניט דער איינציגער קינסטלער, וואס האט קיין גראמאטיקע ניט געקענט. מען שמועסט, אז אפילו שעקספיר אליין האט אויך געשריבען ניט לויט די כללים פון דער גראמאטיקע. און מען ווייזט אן, אז דער איטאליענישער דיכטער דאנטע האט זיך אויך ניט גערעכענט מיט דער גראמאטיקע, און אזוי נאך אנדערע דיכטער און קינסטלער.

וואס זשע פאר א תירוץ קאן דער לעהרער געבען זיין תלמיד אויף דער פראגע צו וואס מען דארף גראמאטיקע?

דער איינציגער תירוץ איז, וואס קינסטלער ווערען ניט אויסגעלערענט אין קיין שולעס. אז קונסט איז, נאך אלעמען, פארט עפעס אזא זאך וואס ליגט אין דעם קינסטלער׳ס בלוט, אדער גייסט.

דאס מיינט נאך ניט, פארשטעהט זיך, אז א קינסטלער דארף שוין נאר ניט לערנען. וואס מעהר א קינסטלער לערנט, איז אלץ בעסער פאר איהם. אבער דאס מיינט, אז אום צו ווערען א קינסטלער קאן מען זיך ניט אויסלערנען. מען מוז אלס אזעלכער געבוירען ווערען. מען מוז באזיצען יענע באגייסטערונג, וואס מאכט דעם קינסטלער שאפען גרויסע קונסטווערק. און אט יענע באגייסטערונג, אדער אינספיראציע, קריגט שוין און געפינט שוין די שפראך מיט די פאסינע ווערטער וואס מאכט מענשען באוואונדערען און; דענקען, אז דער קינסטלער האט געמוזט אויסלערנען די גאנצע גראמאטיקע אויף אויסווייניג.

און די מיליאנען סקול קינדער וועלען מוזען ווייטער זיצען און חזר׳ען גראמאטיקע און ניט פארשטעהן צו וואס מען דארף עס. נאר דאך, ווען דער לערער וועט אמאל א אינגעל אויסרעדען פאר ניט קענען קיין גראמאטיקע, וועט דאס אינגעל האבען א טרייסט: אט האט קאנראד אויך ניט געקענט קיין גראמאטיקע.

טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען

מען דארף בעסער ארגאניזירען די ארבייטער פון די טרימינג פאכען.

ווערטהער רעדאקטאר:

איך וויל באריהרען א פראגע, וואס איך דענק, אז זי איז גאנץ וויכטיג.

עס האט זיך ענטוויקעלט א באגריף ביי אונזערע מעמבערס, אז קלאוקס און דרעסעס ווערען געמאכט פון קלאוקמאכער און דרעסמאכער, ווי קאטערס, פינישערס און פרעסערס, פאלגליך דארפען זיין יוניאנס אין די אלע ברענטשעס פון פאך און זיי מוזען זיין פאראייניגט אין א דזשאינט באארד; איינשטימיג.

ווייסען אבער אונזערע מעמבערס, אז עס זיינען פאראן דריי טריידס אין ניו יארק, ביי וועלכע עס זיינען באשעפטיגט היבשע עטלאכע טויזענט ארבייטער און אהן וועמען קיין קלאוקס און דרעסעס קאנען ניט געמאכט ווערען? וואס איך מיין צו זאגען איז, אז ווען די דריי פאכען וואלטען זיין גוט ארגאניזירט, און זיך באטייליגען אין יעצטיגען סטרייק, וואלטען אפשר געווען נאך א פינף אדער זעקס טויזענט סטרייקערס, —דערפאר וואלט מען אבער קיין קלאוקס ניט געמאכט, ניט אין ניו יארק און ניט אין די סקעב נעסטען אויף ביידע זייטען פון האדסאן, און די אוט-אוו-טאון קאמיטע וואלט ניט געהאט אזוי פיל צרות...

איך וועל אייך פריהער זאגען וועלכע פאכען דאס זיינען, נאכדעם וועט איהר זעהן אז מיין סטייטמענט איז ניט גלאט נעבעבעט... איך מיין די ארבייטער פון די טאקינג, העמסטיטשינג און פליטינג, עמבראידערי, פעסעמענטרי פאך.

אלע ווייסען, אז מען קען ניט מאכען קיין קלאוקס אדער דרעסעס אהן די טרימינגס. וואס אלע ווייסען אבער ניט איז, ווי הילפלאז א דזשאבער וואלט זיך געפונען, ווען ער קען ניט קריגען די טרימינגס געמאכט אין די פעקטארים, וואס זיינען שוין עטאבלירט.

איך ווייס, אז חכמים וועלען זאגען: וואס איז, מען פיקסט אליין איין אויב מען דארף, און ווייל איך ווייס אז מען וועט דאס זאגען, וועל איך טאקע פרובירען ערקלערען וואס עס מיינט, היינטצר-טאג, איינריכטען אזעלכע נייע שעפער.

לאמיר אננעמען, אז א דזשאבער, געגען וועמען די יוניאן סטרייקט, האט איינגעפיקסט א גרויסע פעקטארי צו מאכען קלאוקס און דרעסעס, נאר ער קען ניט קריגען קיין טאקינג, העמסטיטשינג, פליטינג, עמבראידערי און אז. וו., ווייל די טריידס זיינען פאלשטענדיג ארגאניזירט און באלאנגען צו דער דזשאינט באארד, און מען פאסט אויף, אז דער באטרעפענדער דזשאבער זאל ניט קריגען קיין טרימינג, ווערט דער דזשאבער שטארק אין כעס און באשליסט איינצופיקסען אלעס אליין, און אום צו פארשטעהן וואס ער וועט דארפען איינפיקסען, וועל איך אייך שילדערען א פעקטארי וואס האט אלעס אין דעם [illegible] פון טרימינג.

די פעקטארי, וואס איך האב אין זינען, האט געקאסט איינפיקסען צוויי הונדערט און פופציג טויזענט דאלאר ($250,000). רענט קאסט זעקס טויזענט דאלאר א מאנאט; גאז קאסט פינף הונדערט דאלאר א מאנאט; עלעקטריק דריי הונדערט דאלאר א מאנאט. א מאשין-שאפ מיט עטליכע מעכאניקער קאסטען גענויע צוועלף הונדערט דאלאר א מאנאט.

די מייסטע פון די מאשינען זיינען קיינמאל ניט פארטיג צום פארקויף, מען בוים זיי ספעציעל, און עס נעמט פון פיער וואכען ביז דריי מאנאטען צו קריגען א מאשין, היינט וואו נעמט מען עס די אלע נויטיגע עקספערטען אויפצופאסען אויף די מאשינען?

עס איז א פאקט, וואס מענשען פון פאך ווייסען. אין 1924 איז ארויס די „קריסטעל פליטינג“ מאשין. איין פירמע האט אין יענעם יאהר אויף דער מאשין אליין געמאכט הונדערט און פופציג טויזענט דאלאר. עס זיינען בלויז געווען צוויי מאשינען אין שטאדט. נאך עטליכע פירמעס האבען געארדערט מאשינען, עס האט געקאסט דריי טויזענט דאלאר א מאשין. עס האט גענומען דריי מאנאטען איידער זיי האבען געקראגען די מאשינען, ניט אלע האבען אבער געקראגען מעכאניקער צו באטרייבען די מאשינען, און איינער פון זיי האט זעקס מאנאטען צייט געזוכט א מאשיניסט און האט נעקוקט ווי אלע מאכען געלד, און זיין מאשין איז געשטאנען ליידיג.

וועט איהר דאך דענקען, אז מען מוז זיך ניט איינפיקסען אזוי גרויס, מען קען זיך איינפיקסען קלענער, איז אבער א פאקט אז אויב מען וויל האבען אלעס, מוז קאסטען אין די הונדערטער טויזענטער איינצופיקסען. דער קלענסטער שאפ קאסט צעהן טויזענט דאלאר און אזא שאפ האט בלויז א פאר מאשינען.

נאך א זאך, וואס מאכט אונמעגליך פאר א דזשאבער אין צייט פון א סטרייק איינצופיקסען אזא פעקטארי.

ווען מען וויל אויפגעבען אזא פעקטארי, איז דער אינוועסטמענט א „טאטאל לאס“, איין פירמע וואס האט דאס יאהר געפרובירט ארויס פון די ביזנעס, האט פאראנשטאלטעט אן אקשען סייל און פאר א פעקטארי וואס האט איהם געקאסט איבער הונדערט טויזענט דאלאר, האט ער קיין צעהן טויזענט ניט געקענט רעאליזירען, און ער האט טאקע ניט פארקויפט.

איהר קענט גלייך זעהן, אז דאס וואלט געווען אן אונמעגליכע זאך פאר א דזשאבער צו טאן, און אין א פאל פון א סטרייק, וואלט ער במחילה געמוזט אדער סעטלען אדער זיצען און קוקען ווי אנדערע מאכען ארבייט און ער ניט.

יעצט איז א פראגע: קען מען די דאזיגע טריידס ארגאניזירען? מיין ענטפער איז, אז יא. און פאלשטענדיג, און לייכט, און אט פארוואס.

קיינער פון די באלעבאטים אין דעם ליין זיינען ניט פון דעם קאפיטאליסטישען שניט, און זיינען ניט פון די באוואוסטזיניגע... יוניאן פרעסער, און זייער גאנצער קאפיטאל, ווען מען רעדט זאגאר פון טויזענטער, אדער הונדערטער טויזענטער, ליגט עס אין מאשינערי, און קיינער פון זיי האט ניט קיין קעש, און עס איז אויסגעשלאסען א מעגליכקייט פון א ביטערען קאמף.

וואס אמבאלאנגט דעם ארבייטענדען עלעמענט, זיינען זיי טאקע אונוויסענד, אבער ניט אנטאגאניסטיש און זיי וואלטען געמאכט גוטע געהארכזאמע יוניאן מעמבערס.

די צרה איז וואס מען האט די טריידס אנערקענט אלס אונוויכטיגע, און מען האט זייערע יוניאנס א נאמען געגעבען „טשאפ-סואי לאקאלס“, און מען פארפעלט צו זעהן וואס פאר א קאנטראלירענדער אינסטרומענט זיי וואלטען געווען, ווען פאלשטענדיג ארגאניזירט.

איך גלויב, אז די אינטערנעשאנאל און דער דזשאינט באארד וואלטען זיך באדארפט ערנסט פארטראכטען אין די מעגליכקייטען פון ארגאניזירען דיזע טריידס. איך בין זיכער אז מען וואלט זיך שנעל איבערצייגט אז מיינע באהויפטונגען זיינען ריכטיג.

איך וואלט געקענט ברענגען נאך א סך פאקטען, נאר איך וועל דאס טאן ביי א צווייטער געלעגענהייט.

מיט טרייד-יוניאניסטישען גרוס,
צ ב י ח ר א מ א י,
מעמבער לאקאל 41.

ארב. רינג קאנפערענץ צו העלפען קלאוק מאכערס סטרייק דעם זונטאג.

די נאציאנאלע עקזעקוטיוו קאמיטע פון ארבייטער רינג רופט אלע ברענטשעס פון גרייטער ניו יארק צו א קאנפערענץ, וואס וועט געהאלטען ווערען קומענדען זונטאג, דעם 10טען אקטאבער, 10 אזייגער אין דער פריה, אין „פארווערטס“ האל.

דיזע קאנפערענץ ווערט ספעציעל גערופען פאר דעם צוועק צו באוועגען די ברענטשעס פון ארבייטער רינג זיך אריינצואווארפען אין דער ארבייט צו שאפען מאטעריעלע שטיצע פאר דעם קלאוקמאכער סטרייק, וועלכע שטעהען שוין 14 וואכען אין קאמף.

די ברענטשעס, וואס האבען מיטינגען היינטיגע וואך, זיינען געבעטען די פראגע ארויפצושטעלען אויף'ן טאגעס-ארדנונג און ערוויילען דעלעגאטען. די ברענטשעס, וועלכע וועלען אין פארלויף פון דער וואך ניט האלטען קיין מיטינגען, וועלען קענען זיין פארטראטען ביים קאנפערענץ דורך זייערע בעאמטע.

א בריוועל אין רעדאקציע.

ווערטהער רעדאקטאר פון „גערעכטיגקייט“: —

לעזענדיג אין דער „גערעכטיגקייט“ פון לעצטער וואך ב. צ. בורשטאק'ס ליד „אין חלום“, בין איך געווארען ערשטוינט. איך האב ניט געגלויבט מיינע אייגענע אויגען. איך האב נישט געקענט פארשטעהן ווי אזוי קאן ערשיינען א ליד ניין (9) מאנאט נאכ'ן טויט פון דיכטער, אהן קיין שום באמערקונג וועגען דער טראגעדיע פון יונגען פאעט מצד דער רעדאקציע.

ב. צ. בורשטאק איז געשטארבען דעם 6טען פעברואר, נאך א ניט-געלונגענער אפעראציע.

ערווארטענדיג, אז איהר וועט לאזען וויסען אייערע לעזער וועגען דעם, דאנק איך אייך זעהר —

ד ו ד ס ע ל צ ע ר.

רעזאלוציע פון בר. 42 א. ר.

ביי א גוט-באזוכטען ספעשעל מיטינג, אפגעהאלטען פרייטאג אווענט, אקטאבער דעם ערשטען, האט בר. 42 ארב. רינג געפאסט פאלגענדע רעזאלוציע אין באצוג פון די סטרייקענדע קלאוקמאכער:

נעמענדיג אין אנבאטראכט, דאס דער קלאוקמאכער סטרייק איז איינער פון די ביטערסטע קעמפע, וואס די ארבייטער מאכען דורך געגען דער פארביסענער אססאסיאיישאן פון די קלאוקמאכער באסעס, באשליסט ברענטש 42 צו שטיצען איהרע מעמבערס, וועלכע סטרייקען יעצט ביי קלאוקס, פינאנציעל. א ספעשעל קאמיטע איז ערוויילט געווארען פאר דעם צוועק. עס ווערט אויך באשלאסען צו ווארטען די סטרייקענדע מעמבערס די דיוס אזוי-לאנג ווי דער סטרייק וועט אנהאלטען.

מיט פריינדליכען גרוס,
נ. ה י ל פ ע ר, רעק. סעק.

פרעזענטירען דעם שאפ-טשערמאן.

מיר, די ארבייטער פון מארגאלין ענד סטיין, 265 וועסט 36טע סטריט, פארזאמעלט ביי א שאפ-מיטינג, אין אפיס פון דעם דזשאינט באארד, שבת דעם 2טען אקטאבער, פרעזענטירען דעם שאפ טשערמאן, ברודער פיליפ קעטץ, מיט א ווערטפאלען פרעזענט, פאר זיין גוטע ארבייט פאר דעם שאפ, און מיר ווינשען איהם ער זאל עס נוצען געזונט.

מיר האפען אויך, דאס ער וועט אויף ווייטער טאן גוטע ארבייט פאר דעם שאפ בפרט און פאר דער יוניאן בכלל.

ד י ק א מ י ט ע:
י. גאלד—ל. 2, מארלאוו—ל. 2, מאקס סילווערבערג — ל. 2, ב. בערנשטיין—. 9, גרינוואלד—ל. 9, מאריס ראס — ל. 10, מאקס מארקוס — לאקאל 35.

קלוגע ווירטהינס
האלטען אימער אין הויז א באקס
עקס-לאקס
דאס רעגולירט די מאגענס פון דער גאנצער פאמיליע
און פארשפארט זיי דאקטאר ביללס.
10, 25 און 50 סענט א באקס, אין אלע דראג סטארס.

צו אלע פרעסערס, מעמבערס פון לאקאל 35

פון מאנטאג אן, אקטאבער דעם 11-טען, 1926, וועל איך זיין יעדען אווענט אין אפיס פון לאקאל 35, פאר א שטונדע אדער צוויי, נאך פינף אזייגער.

די אלע מיטגלידער פון לאקאל, וואס האבען עפעס וויכטיגעס צו מעלדען, זיינען געבעטען ניט קומען אין ארלינגטאן האל, ווייל דארט האב איך קיין צייט דערפאר. זייענדיג דער טשערמאן פון דער דזשענעראל פיקעט קאמיטע, בין איך כסדר פארנומען. אלזא, יעדען אווענט וועט מען מיך קענען זעהן אין אפיס.

מיט ברודער-גרוס,
דזשאזעף גארעצקי,
מענעדזשער לאק. 35.

א בקשה.

ברודער רעדאקטאר פון „גערעכטיגקייט“:

ערלויבט מיר א שטיקעל פלאץ אין די קאלומס פון אונזער צייטונג פאר דעם נאטיץ. זייענדיג זיכער, אז איהר וועט דאס דרוקען, דאנק איך אייך פאראויס.

מיט ברידערליכען גרוס,
ס א ל. ר א ס,
מיטגליד א. ל. ג. וו. י.

העלפט די אסטראליינקער ארבייטער ביבליאטעק פון איהר אונטערגאנג.

די ביבליאטעק איז אויף דעם נאמען פון אונזער דיכטער י. ל. פרץ.

צו אלע אסטראלענקער ארבייטער און לאנדסלייט:

עס האט זיך צו אונז דערטראגען דער הילף-געשריי פון אונזערע אסטראליינקער ברידער און שוועסטער פון יענער זייט ים. דער הילף-געשריי איז ניט פון איין מענש, נאר פון דער פרץ ביבליאטעק. ביי די יעצטיגע אומשטענדען אין פוילען איז זעהר שווער אויסצוהאלטען א ביבליאטעק, אבער פאר אונז איז זעהר א שאד אז די ביבליאטעק זאל אונטערגעהן. אום צו פארזיכערען איהר עקזיסטענץ, איז געשאפען געווארען א צייטווייליגע קאמיטע און די קאמיטע רופט א ספעשעל מיטינג פון אלע אונזערע לאנדסלייט פאר שבת, 4 אזייגער ביינאכט, אין 126 איסט 16טע סט. דער מיטינג דארף צייגען א ביישפיל פאר דער עקזיסטענץ פון דער ביבליאטעק.

ערווארטענדיג אייך אלע לאנדסלייט און פריינד פון אסטראליינקע ביי דעם מיטינג, דאנק איך אייך פאראויס.

די קאמיטע.
סאל. ראס,
צייטווייליגער סעק.

דאנקזאגונג פון די סטרייקער אין בראנזוויל.

מיר, די בראנזווילער סטרייקער פון לייבאר לייסעאום, פארזאמעלט ביי א גרויסען, גוט באזוכטען מאססמיטינג, סאי פון די געסעטעלטע שעפער, און סאי פון די סטרייקערס, וואס געפינען זיך נאך אין האל, שפרעכען אויס א הארצליכען דאנק און אנערקענונג פאר דער גוטער און אונערמידליכער ארבייט, וואס אונזער ברודער, לואיס גאלדשטיין, האט געלייסטעט פאר אונז פאר דער גאנצער צייט וואס ער איז געווען מיט אונז צוזאמען אין האל.

מיר ווינשען איהם אלע פון טיפען הארצען צום נייעם יאהר א גליקליך און א געזונד יאהר מיט זיין גאנצער פאמיליע; און מיר האפען, דאס אויך אויף ווייטער וועט ברודער גאלדשטיין ניט בלייבען זיצען מיט פארלייגטע הענט און וועט ווייטער לייסטען זיין בעסטע צייט פאר די בראנזווילער קלאוק מאכער בכלל און פאר דער גאנצער יוניאן בפרט, ווייל דאס איז שוין זיין נאטור.

מיט ברידערליכען גרוס,
ד י ק א מ י ט ע:
אברהם קאלקער, ברוך בורשטיין, עלע יארליב, לואיס וואלף, ראזע קארען, פעני קאפסקי, דזשאו ראזאווסקי, סאלאמאן לונדען, אברהם ווישנא, בארנעט דייטש, יצחק זילבערשטיין, יעקב שטעלמאן.

ווייסט איהר, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא? לעזט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן, פון דר. לואיס לעווין. און איהר וועט מיט אלץ [illegible]

מיטגלידער נעמט אין אכט!

קריגט דעם 32-זייטיגען בולעטין, וועלכער גיט א דעטאלירטע באשרייבונג פון אונזער בילדונגס-טעטיגקייט. מעלדעט זיך פערזענליך אדער שרייבט צו אונזער עדיוקיישאנעל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סט.

25 יאהר טרייד־יוניאן אינטערנאציאנאל

פון דר. הערמאן פראנק

1. פון 1901 ביז 1919.

אין סעפטעמבער האט די ארבייטער באוועגונג אין צענטראל פון וועסט אייראפא געפייערט דעם 25 יעהריגען יובל פון דער אינטערנאציאנאלער טרייד־יוניאן ארגאניזאציע.

געוועהנליך ווערען יובילעאומס באנוצט צו באגריסען דעם בעל־שמחה און צוטראגען איהם לארבער־קרענץ. פאר דעם ארבייטער קלאס מוזען אבער אזעלכע יום טובים דינען אלס א געלעגענהייט פאר אן אלזייטיגער אפשאצונג און קאנסטרוקטיווען קריטיציזם בנוגע צו דאס דערגרייכטע, אום עס צו פארגלייכען מיט די ערווארטונגען און האפנונגען. נאר אזוי קען מען אין דער ווייטערדיגער ארבייט פארמיידען די שמערצליכע ענטוישונגען, וועלכע די פריהערדיגע פעלערן האבען פאראורזאכט אין דער פארגאנגענהייט, און אויך אפגעבען זיך רעכענשאפט מכח די נאהענטסטע אויפגאבען.

דער אנהויב פון דעם אלוועלטליכען טרייד־יוניאן פארבאנד איז געמאכט געווארען דעם 21טען אויגוסט, 1901, ווען עס האט זיך אויפגעקליבען אין קאפענהאגען, דענמארק, א סקאנדינאווישע ארבייטער קאנפערענץ. אויסער די יוניאן־פיהרער פון די פיר סקאנדינאווישע לענדער — דענמארק, פינלאנד, שוועדען און נארוועגען — זיינען דארט געווען פארטראטען די צענטראלע טרייד־יוניאן קערפערשאפטען פון ענגלאנד, דייטשלאנד און בעלגיען. דער פארבאנד, וועלכער איז באשאפען געווארען אין 1901, האט אבער געטראגען א גאנץ לייזען כאראקטער. זיין אייגענטליכער צוועק איז באשטאנען אין דער ארגאניזירונג פון אינטערנאציאנאלע טרייד יוניאן קאנפערענצען.

אין יאהר 1903 האט די ארגאניזאציע געמאכט דעם ערשטען שריט פארווערטס. ס'איז ארגאניזירט געווארען אן אינטערנאציאנאלער סעקרעטאריאט אונטער דער פיהרונג פון דעם פארשטארבענעם גרויסען לידער פון דער דייטשער יוניאן באוועגונג, קארל לעגיען. דער סעקרעטאריאט איז אבער אין תוך געווען בלויז אן אינטערנאציאנאלער אינפארמאציאנס אפיס צו פארמיטלען צווישען די יוניאן באוועגונגען אין פארשידענע לענדער. די הויפט ארבייט פון דער ארגאניזאציע איז נאך אלץ געווען צוזאמענצורופען די אינטערנאציאנאלע קאנפערענצען. פון אנהויב פלעגען זיי פארקומען יעהרליך, נאר שפעטער פלעגען זיי געהאלטען ווערען איין מאל יעדע צוויי יאהר.

די אויסערליכע ענטוויקלונג פון דעם טרייד־יוניאן אינטערנאציאנאל איז געגאנגען זעהר גוט. אין 1909 האט זיך די אמעריקען פעדערייש און לייבאר אנגעשלאסען אן דער ארגאניזאציע, און אין עטליכע יאהר ארום איז צוגעשטאנען אויך די יוניאן־פעדערייש פון זיד אפריקא. די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג האט אלזא געמאכט דעם אנהויב צו פארוואנדלען דעם אייראפעאישען טרייד־יוניאן פארבאנד אין אן אלוועלטליכע, באמת אינטערנאציאנאלע, ארגאניזאציע.

אין יאהר 1913 האבען ביי א קאנפערענץ די אמעריקאנער דעלעגאטען געפאדערט, די ארגאניזאציע זאל הייסען ניט סעקרעטאריאט נאר „אינטערנאציאנאלער טרייד יוניאן פארבאנד", און דיזער פארשלאג איז אנגענומען געווארען. אין יענער צייט זיינען שוין געווען אנגעשלאסען 19 לענדער מיט אן אלגעמיינע יוניאן מעמבערשיפ פון איבער זיבען מיליאן.

די אינערליכע ענטוויקלונג איז לײדער אבער ניט געגאנגען אין טאקט מיט דער אויסערליכער. די נאציאנאלע פעדערײשאנס זיינען ניט געווען געניינט צו דערלאזען דעם אינטערנאציאנאל אויסצואיבען א שטארקען איינפלוס. דער סעקרעטאריאט האט געהאט א קנאפע דעה אין די פרינציפיעלע פראגען פון דער ארבייטער באוועגונג, און אפילו די אינטערנאציאנאלע קאנפערענצען פלעגען זיין בלויז א טריבונע, פון וועלכער מען פלעגט אויסטוישען ידיעות און מיינונגען וועגען אלגעמיינע יוניאן־ענינים. אין 1905 האבען די פראנצויזישע דעלעגאטען געפאדערט, אוועקצושטעלען אויף דער טאג־ארדנונג, למשל, אזא פראגע ווי „דער גענעראל סטרייק און אנטי־מיליטאריזם". כמעט אלע לענדער האבען שארף אפגעווארפען דיזען פארשלאג און דערביי זיך באנוצט מיט דעם זעלבען אויסרייד. זיי האבען נעמליך ערקלערט, אז „די אויפגאבע פון די אינטערנאציאנאלע קאנפערענצען איז צו פארפעסטיגען די פארבינדונגען צווישען די טרייד־יוניאנס אין פארשידענע לענדער, אבער ניט צו פארוואנדלען דעם אינטערנאציאנאל פון די געווערקשאפטען אין א דיסקוסיאנס קלאב, וואו עס ווערען דעבאטירט טעארעטישע פראגען".

אזא קורצזיכטיגע אידעאלאגיע איז פארבליבען אין קראפט ביז צום אויסברוך פון וועלט־קריג. ס'איז אלזא ניט קיין וואונדער, ווארום דער טרייד־יוניאן אינטערנאציאנאל האט געמוזט צופאלען ווי א קארטען־שטיבעל, באלד ווי עס האט אפגעהילכט איבער אייראפא דער ערשטער שאס. אין א מאמענט, ווען די אינטערנאציאנאלע סאלידאריטעט פונ'ם ארבייטערקלאס האט זיך געדארפט פארמעסטען אין קראפט מיט דעם פינסטערען נאציאנאליזם, האבען נאר די ארבייטער, אין נאמען פון פאטריאטיזם, געמאכט שלום מיט די הערשענדע קלאסען. אזוי איז דער קריג פון די קאפיטאליסטען און נאציאנאליסטען פארוואנדלט געווארען אין א מלחמה, אין א ברודער־קריג, פון די ארבייטער־מאסען צווישען זיך.

די נאציאנאליסטישע כוואליע האט אזוי שטארק מיטגעריסען די ארבייטער־ארגאניזאציעס, אז אין די מלחמה־יאהרען איז ניט מעגליך געווען אויפצורופען אן אינטערנאציאנאלען קאנפערענץ פון די טרייד יוניאנס. אין 1916 איז אין לידס, ענגלאנד, אפילו יע פארגעקומען א טרייד־יוניאן קאנגרעס, אבער אין איהם האבען זיך באטייליגט בלויז די אליים און עטליכע נייטראלע לענדער. אין א יאהר נאך דעם איז אפגעהאלטען געווארען אן אינטערנאציאנאלער טרייד־יוניאן קאנפערענץ אין בערן, שווייץ, אבער אויף איהם זיינען זיך צוזאמענגעקומען בלויז די דעלעגאטען פון דייטשלאנד, עסטרייך, בולגאריען און איינינע נייטראלע לענדער. ערשט אין פעברואר 1919 האבען זיך אויפגעטראפען פנים אל פנים די יוניאן פיהרער פון כמעט אלע אייראפעאישע לענדער. דאס איז געשעהן ביי דער געלעגענהייט פון א קאנפערענץ פון דעם סאציאליסטישען אינטערנאציאנאל, וועלכער איז דעמאלט אפגעהאלטען געווארען אין בערן. ווי באקאנט, האט אויך דער סאציאליסטישער, דער אזוי־גערופענער צווייטער אינטערנאציאנאל, ניט דורכגעקומען בשלום דעם מלחמה־קריזיס און איז צופאלען געווארען אויף שטיקלאך.

אויף דעם בערנער קאנפערענץ איז באשלאסען געווארען אויפצורופען אן אלגעמיינעם אינטערנאציאנאלען טרייד־יוניאן קאנגרעס, וועלכער זאל פארקומען סוף דזשולײ, 1919, אין אמסטערדאם, האלאנד. אחוץ די אלע יוניאן־ארגאניזאציעס וועלכע האבען שוין באלאנגט צום פריהערדיגען אינטערנאציאנאל, זיינען צום אמסטערדאמער קאנגרעס איינגעלאדען געווארען אויך די סינדיקאליסטישע יוניאנס און אנדערע אנטי־בורזשואזע גרופירונגען. דאס האט געדארפט באווייזען, אז עס האנדעלט זיך ניט מכח אן אויפלעבונג פון דעם אלטען אינטערנאציאנאל, נאר עס קומט אין פראגע די גרינדונג פון א שפאגעל־נייער ארגאניזאציע. פאקטיש איז, אלזא, די פריהערדיגע קערפערשאפט, נאך אן אומגעראטענער עקזיסטענץ במשך פון 18 יאהר, אין גאנצען ליקווידירט געווארען. איבער איהר פריהצייטיגען טויט האט קיינער קיין טרערען ניט פארגאסען...

דיזער קורצער און פליכטיגער געשיכטלאכער איבערבליק ערקלערט אונז, ווארום דער איצטיגער (אמסטערדאמער) אינטערנאציאנאל רעדט ניט, אין זיינע אפיציעלע מאטעריאלען, וועגען א 25־יעהריגען יובילעאום פון דעם אינטערנאציאנאלען טרייד יוניאן פארבאנד, נאר בלויז — וועגען „א פערטעל יאהר־הונדערט פייערונג פון דעם טאג, ווען ס'איז געגרינדעט געווארען אן אינטערנאציאנאלע טרייד־יוניאן ארגאניזאציע".

אבער אויך דיזע באצייכנונג פון דער וויכטיגער געשעהניש וואס איז אמאלט געפייערט געווארען דורך די ארבייטער פון 23 לענדער, איז ניט קיין גאנץ ריכטיגע. נאך לאנג פאר דעם קאפענהאגענער צוזאמענפאהר פון 1901 האבען שוין די טרייד יוניאנס פון עטליכע אינדוסטריען זיך פאראייניגט אין די אזוי גערופענע אינטערנאציאנאלע סעקרעטאריאטען. דאס זיינען אלזא געווען פאך־ארגאניזאציעס, ווי למשל די סעקרעטאריאטען פון טראנספארט ארבייטער, נאדעל־ארבייטער, מעטאל ארבייטער וכדומה. זיי האבען פיל פריהער און בולטער פון די נאציאנאלע פעדעראציעס דערשפירט די נויטוועדינקייט און דעם נוצען פון אן אינטערנאציאנאלער קאאפעראציע (צוזאמענארבייט). דיזע באוועגונג האט זיך אנגעהויבען נאך מיט 35 יאהר צוריק, און די קאנפערענצען פון אזעלכע אינטערנאציאנאלע יוניאן ארגאניזאציעס פלעגען אפגעהאלטען ווערען רעגעלמעסיג מעהרסטענס ביי א געלעגענהייט פון די אינטערנאציאנאלע סאציאליסטישע קאנגרעסען.

היסטאריש איז אלזא די פאך־ארגאניזאציע אין אן אינטערנאציאנאלען פארנעם געקומען פאר דער אלוועלטליכער ארגאניזירונג פון אלע טרייד־יוניאנס, דורך דער צוזאמענשליסונג פון זייערע נאציאנאלע פעדערײשאנס אין א געווערקשאפטליכען אינטערנאציאנאל. אויך נאך דעם וועלט־קריג האט זיך איבערגע'חזר'ט די זעלבע ערשיינונג. די טרייד־יוניאנס פון די טראנספארט־ און אייזענבאהן־ארבייטער זיינען, נעמליך, געווען די ערשטע אנצוקניפען צווישען זיך די אינטערנאציאנאלע באציהונגען, און דורך דעם איז געמאן געווארען גוטע צוגרייטונגס־ארבייט פאר דעם אויבענדערמאנטען אלגעמיינעם טרייד־יוניאן־קאנגרעס אין אמסטערדאם (דזשולײ, 1919).

דער נייער טרייד־יוניאן אינטערנאציאנאל, וואס איז געגרינדעט געווארען אויף דיזען קאנגרעס, קען גארניט פארגליכען ווערען מיט דעם פריהערדיגען. זיין ארגאניזאטארישער אויפבוי איז געבליבען דער זעלבער, דאס הייסט, אז יעדעס לאנד מוז אין איהם זיין פארטראטען ניט מעהר ווי דורך איין צענטראלער פעדערײשאן, ווי למשל, די אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר אדער דער ענגלישער טרייד־יוניאן קאנגרעס, אדער דער אלגעמיינער דייטשער געווערקשאפטס־בונד. דורך דעם זיינען, אלזא, אפגעשטויסען געווארען פון דעם טרייד־יוניאן אינטערנאציאנאל אזעלכע עלעמענטען, ווי די קאמוניסטען אדער די סינדיקאליסטען, וועלכע זיינען אפגעריסען פון די אלגעמיינע, „נייטראלע" יוניאן־ארגאניזאציעס און ווילען מאכען שבת פאר זיך. ניט קוקענדיג אויף דעם, איז אבער דער גייסטיגער פונדאמענט פון דעם אינטערנאציאנאל איינגאנצען געביטען געווארען. די פריהערדיגע אנשויאונג, דאס דער אינטערנאציאנאלער סעקרעטאריאט דארף בלויז זיין אן אינפארמאציאנס־אפיס, און די אלוועלטליכע קאנגרעסען טארען זיך ניט אפגעבען מיט „טעארעטישע" פראגען, איז איינמאל פאר אלעמאל אפגעווארפען געווארען. אזא ענדערונג האט מען שוין געקענט באמערקען אויף דעם קאנגרעס אין לידס, ענגלאנד, אין 1916, וואו מען האט אפען און קלאר גערעדט וועגען דער אפשאפונג פון מיליטאריזם און דער געהיים־דיפלאמאטיע, וועגען א פעלקער־בונד, א וועלט־געריכט א. אז. וו.

נאך שטארקער האט זיך דער נייער, פרייער גייסט אפגעשפיגעלט אויף דעם געדאנקען־גאנג פון דער בערנער אינטערנאציאנאלער טרייד־יוניאן קאנפערענץ, אין 1919. דארט האט מען אנגענומען א רעזאלוציע, וואס זאגט, אז דער ענד־ציל פון דער טרייד־יוניאן באוועגונג איז די באזייטיגונג פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאנס־סיסטעם, און אז די סאציאלע רעפארמען האבען ניט דעם צוועק אפצושאפען דיזע שטרעבונג פון די ארבייטער, נאר זיינען בלויז א צוגרייטונג פאר דעם ראזינען ענד־ציל.

דער אמסטערדאמער טרייד־יוניאן קאנגרעס איז אין אלגעמיין אוועקגעגאנגען אין דער זעלבער ריכטונג. ער האט באשטעטיגט די בערנער פראגראם און האט זי נאך פארברייטערט דורך איינינע נייע באשלוסען, ווי למשל, די פאדערונג צו סאציאליזירען די וויכטיגסטע אינדוסטריען. אויך צו דער פראגע פון פעלקער־בונד האט דער טרייד־יוניאן קאנגרעס אנגענומען א גאנץ באשטימטע שטעלונג, פאדערנדיג, אז די „ליג אוו ניישאנס" זאל ניט בלייבען א דיפלאמאטישע מאכערייקע, נאר זאל האבען די קראפט ארויסצוגעבען אינטערנאציאנאלע געזעצען און משפט'ען נאציאנען. גלייכצייטיג איז אבער אין דער רעזאלוציע געזאגט געווארען, אז דער ארבייטער־קלאס מוז ווערען א ווירקזאמער קאנטראל־ארגאן פון דעם פעלקער־בונד, און דאס דארף געשעהן דורך אן אינטערנאציאנאלער ארגאניזירונג פון די ארבייטער מאסען. אויב די ארבייטער זאלען ניט אימשטאנד זיין צו ווערען א וועלט־מאכט, דאמאלס איז גאנץ מעגליך, זאגט דער טרייד־יוניאן קאנגרעס, דאס דער פעלקער־בונד זאל ווערען אן ארגאן פון רעאקציע און אונטערדריקונג.

אין דעם קומענדען ארטיקעל וועלען מיר געבען אן איבערבליק איבער דער 7־יעהריגער טעטיגקייט פון דעם אמסטערדאמער טרייד־יוניאן אינטערנאציאנאל.

„די פאליסי פון דער אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר, לויט ווי מיר פארשטעהען עס, איז צו באגעגנען אלע נייע אנטוויקלונגען אין דער אינדוסטריע, און באזונדערס אין באצוג דעם וואס אנבאלאנגט וויידזשעס און שטונדען.

„דאס פראקלאמירען פון אונזער ציל אויף אונזער קאנווענשאן לעצטען יאהר אין אטלאנטיק סיטי איז געווען טראדיציאנעל. דאס וואס חענרי פארד האט איינגעשטעלט א פינף טאגיגע ארבייטס־וואך, קומט דירעקט אלס קאנזעקווענץ פון די באשטרעבונגען וואס די אמעריקאנער ארבייטערשאפט האט ארויסגעוויזען.

„אט די באשטרעבונגען האבען שוין פריהער איינגעשטעלט א קירצערע ארבייטס־וואך אין מאנכע אינדוסטריען פון לאנד. די פרינטינג טריידס האבען א 40־שטונדיגע ארבייטס־וואך פאר די נאכט־ארבייטער, און די 40־שטונדיגע ארבייטס־וואך איז שוין אויך איינגעשטעלט געווארען אין מאנכע פון די גארמענט טריידס. די נאדעל־ארבייטער פון ניו יארק האבען שוין פריהער ארויסגעשטעלט די פאדערונג פאר א 40־שטונדיגע ארבייטס־וואך.

„די ארבייטער וועלען ניט אויפאפפערן מיט וויידזשעס צו באקומען א קירצערע ארבייטס־וואך. מיר דענקען, אז איינינע אינדוסטריען זיינען רייף פאר א קירצערע ארבייטס־וואך. דאס זיינען די מיין אינדוסטריע, די בילדינג אינדוסטריע און די אויטאמאביל אינדוסטריע. די פראדוציר־קראפט פון דעם ארבייטער אין דער אויטאמאביל אינדוסטריע האט זיך לעצטענס פארגרעסערט צווישען 25 און 50 פראצענט."

* * *

צו דעם קענען מיר צוגעבען, דאס אויך אין די נאדעל־טריידס האט זיך שטארק פארגרעסערט די פראדוציר־קראפט פון די ארבייטער. אחוץ דעם, קומט נאך ארײן די פראגע פון די שארף־אפגעטיילטע סיזאנס, פון די קורצע ארבייטס־סיזאנס, און די לאנגע סלעק סיזאנס, און דאס צוזאמענגענומען בארעכטיגט פאלשטענדיג די פאדערונגען פאר א קירצערע ארבייטס־וואך. א קירצערע ארבייטס־וואך אין די טריידס וואלט געבראכט צו דעם, אז די פעריאדע פון ארבייט דורכ'ן יאהר זאל אביסעל פארלענגערט ווערען, כדי מעגליך צו מאכען די ארבייטער זאלען קענען פארדינען אויף א לעבען.

* * *

מיר ערווארטען, אז די קאנווענשאן אין דעטראיט וועט גאנץ גענוי באטראכטען די אלע וויכטיגע פראגען און וועט ווייטער ארויסארבייטען קאנסטרוקטיווע פלענער אויף אנצוגעהן מיט דער טעטיגקייט אין דער ריכטונג.

דורך די אנשטרענגונגען פון פרעזידענט גרין אין פארלויף פון לעצטען יאהר, זיינען באזייטיגט געווארען אביסעל „יוריסדיקציע טראבעלס". דאס וועט זיכער שפארען א סך צייט, וואס אט די שטרייטען פארנעמען געוועהנליך אויף א קאנווענשאן. די קאנווענשאן דארף זיך ליבערשט אפגעבען צו באשאפען א פראקטישע, גוט פינאנסירטע באוועגונג צו שטעלען זיך אין קאמף געגען די „קאמפאני יוניאנס", ארייצוברענגען אין די רייען פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט די פילע ארבייטער וועלכע שטעהען אויסער די יוניאנס פון דער אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר. מיט איין ווארט, אויסצושטעלען די ארגאניזירטע ארבייטער באוועגונג אויף א בעסערען און שטארקערען בארען ווי ביז איצט.

דאס גלייכען דארף אויך געשאפען ווערען די מיטעל צו העלפען די באוועגונג פאר א קירצע־ען ארבייטס־טאג, באזונדערס אין יענע סיזאן אינדוסטריען, וואו דאס איז אזוי נויטיג. אט די באוועגונג דארף קריגען די פולע שטיצע פון דער גאנצער ארבייטער באוועגונג. דער קירצערער ארבייטס־טאג און די פינף־טאגיגע ארבייטס־וואך איז העכסט נויטיג, ניט נאר כדי די ארבייטער זאלען קענען מאכען א בעסערען לעבען. עס איז אויך נויטיג פאר'ן געזונט פון די ארבייטער, וואס ווערט געוויינליך רואינירט ביי דער ארבייט. עס איז ניט קיין פראגע בלויז פון דאלארס און סענטען, עס איז א פראגע פון געזונט און לעבען!

GERECHTIGKEIT

A JEWISH LABOR WEEKLY
Published every Friday by the
International Ladies' Garment Workers' Union

Office: 3 West 16th Street, New York, N. Y.

MORRIS SIGMAN, President
ABRAHAM BAROFF, Secretary-Treasurer
L. FINKELSTEIN, Acting Editor

Subscription price paid in advance: $1.00 per year.

Vol. VIII. No. 41 — Friday, Oct. 8, 1926

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.

Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Sec. 1103, Act of Oct. 3, 1917, Authorized Jan. 25, 1919.

די יוניאָן אַפּעלירט געגען דעם אינדזשאַנקשאַן

ווי באַוואוסט, האָט ריכטער אינגרעהעם געמאַכט „פּערמאַנענט" דעם אינדזשאַנקשאַן, וואָס ריכטער גאַי האָט אַרויסגעגעבען געגען דער יוניאָן, אַן אינדזשאַנקשאַן וואָס פאַרבאָט יעדען סאָרט פּיקעטען אַרום די שעפּער פון דעם אינדאַסטריאַל קאַונסיל. אונזער יוניאָן האָט גלייך געמאַכט אַן אַפּיל געגען דער ענטשיידונג פון ריכטער אינגרעהעם, און אַט די שטעלונג פון דער יוניאָן ווערט באַגריסט ניט נאָר פון די סטרייקער, וואָס זיינען דירעקט פאַרבונדען מיט דעם קאַמף, זאָנדערן פון יעדען רעכטדענקענדען מענשען אין דער אַרבייטער באַוועגונג, און אויסער דער אַרבייטער באַוועגונג.

* * *

די יוניאָן אַפּעלירט געגען דעם אינדזשאַנקשאַן, ניט בלויז דערפאַר, ווייל מען האָט מורא פאַר דער שלעכטער ווירקונג פון דעם אינדזשאַנקשאַן אויפ'ן סטרייק. דער פאַקט איז, דאָס אַט דער „אוקאַז" פון דעם ריכטער פאַרטזעצען דעם אינדזשאַנקשאַן ריהרט אין דער ווירקליכקייט אַן אַ קליינע צאָל פון די שעפּער, וואָס זיינען אין סטרייק. דער אינדזשאַנקשאַן איז, בכלל, ביז צו אַ געוויסען גראַד, גאַנץ גלייכגילטיג אויפגענומען געוואָרען פון די סטרייקער, אַזוי גוט ווי פון זייערע הונדערטער און טויזענטער פריינד און סימפּאַטייזערס אומעטום.

די קלאָוקמאַכער זיינען אין סטרייק שוין אַריבער דריי מאָנאַטען, און דער גייסט צווישען די סטרייקער איז אַזאַ, וואָס קיין אינדזשאַנקשאַן קען ניט צו שטערען. זיי לאָזען זיך פון קיינעם ניט אויפהעצען, און אויך אַן אינדזשאַנקשאַן קען זיי ניט אויפרייצען צו פאַרלירען זייער גלייכגעוויכט און באַוואוסטזיין. אין דעם איצטיגען מאָמענט ווייסען זיי גאַנץ גוט, אַז דאָס ביסעל סקעבס, די נידעריגע ברואים, וואָס געפינען זיך אין מאַנכע שעפּער פון די מיטגלידער פון דעם אינדאַסטריאַל קאַונסיל, וואָלטען בלייבען זיצען אין יענע סקעב־נעסטען סיי ווי סיי, יאָ אינדזשאַנקשאַן אָדער ניט אינדזשאַנקשאַן. און פונקט אַזוי גוט ווייסען זיי אויך, דאָס די גרויסע מאַסע סטרייקערס וועט זיך ניט נעמען קיין ביישפּיל, אָדער וועט ניט באַאיינפלוסט ווערען פון אַט דער מיאוסער האַנדלונג פון דעם ביסעל סקעבס און פאַררעטער, און מען דאַרף ניט וועגען פיל זיך ערגערען.

די באַלעבאַטים פון דעם אינדאַסטריאַל קאַונסיל האָבען, פאַרשטעהט זיך, געמיינט, אַז דער אינדזשאַנקשאַן וועט זיין אַ „באָמבע" אין דעם לאַגער פון די סטרייקענדע קלאָוקמאַכער. זיי האָבען געמיינט, אַז גאָט ווייס וואָס פאַר אַ גליקען דאָס וועט זיי ברייינגען. וואָס אַנבאַלאַנגט די פיהרער פון דעם אינדאַסטריאַל קאַונסיל, האָבען זיי אודאי גערעכענט, אַז דאָס וועט שטערען די גאַנצע טעטיגקייט פון דעם סטרייק, אַז דאָס וועט אָפּשוואַכען דעם גייסט פון די סטרייקער און אַריינברייינגען דעמאָראַליזאַציע אין זייערע רייען. איצט, אָבער, ווייסען זיי שוין אַלע, אַז דאָס זיינען געווען פוסטע האָפנונגען, אַז פון דעם האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזען. איצט ווייסען זיי, אַז ניט נאָר האָט עס ניט אַנגערירט דעם מאָראַל פון די סטרייקער, זאָנדערן דאָס האָט נאָך געשטאַרקט זייער קאַמפּס־גייסט. עס האָט שטאַרקער געמאַכט יעדען שוואַכען פונקט, אויב אַזוינער איז פריהער געווען ערגעץ. מעהר פון אירגענד אַנדער פּאַסירונג אין דעם סטרייק, האָט דער שריט פון די באַלעבאַטים, צו געהן אַרויסנעמען אַן אינדזשאַנקשאַן, געעפענט די אויגען פון די סטרייקער און זיי געוויזען די ריכטיגע געשטאַלט פון די מענשען, מיט וועלכע זיי האָבען דאָ צו קעמפען. דאָס האָט זיי געגעבען קלאָר צו פאַרשטעהן, אַז אַט דער פיינט זייערער, וועט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּשטעלען, ניט אַכטענדיג ווי שלעכט אָדער נידעריג עס זאָל זיין, — אַבי נאָר צו באַקעמפען די גערעכטע פאָדערונגען פון זייערע אַרבייטער; אַבי נאָר צו שטערען די אַרבייטער זיך צו פאַרבעסערען די לאַגע, כדי צו קענען מאַכען אַ ביסעל אַ שעהנערען לעבען.

* * *

אָבער עס איז פאָראַן נאָך אַ גרונד וואָרום די יוניאָן זאָל אַפּעלירען געגען דעם אינדזשאַנקשאַן, וואָרום די פירערשאַפט פון אונזער יוניאָן זאָל אַנווענדען אַלץ וואָס איז נאָר מעגליך דעם איצטיגען אינדזשאַנקשאַן אומצוּוואַרפען.

עס איז קיין צווייפעל ניט, דאָס אין דעם קאַמף צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט זיינען שוין ניט איין מאָל פריהער אַרויסגעגעבען געוואָרען אינדזשאַנקשאַנס אין מאַנכע אינדאַסטריאַלע שטרייטען, וועלכע זיינען געווען צו אַ געוויסען גראַד נאָך ערגער פון דעם אינדזשאַנקשאַן, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען געגען אונזער יוניאָן. מיר צווייפלען, אָבער, צו עס האָט ווען עס איז פּאַסירט פריהער דאָס אַן אינדזשאַנקשאַן זאָל אַרויסגעגעבען ווערען צו באַלעבאַטים אַזוי בלינד, און עס זאָל זיין פון אַזאַ אַל־אומפאַסענדען כאַראַקטער, ווי דער אינדזשאַנקשאַן וועלכען ריכטער אינגראַהאַם האָט גוטגעהייסען אין דעם איצטיגען קלאָוק סטרייק.

מען טאָר ניט פאַרגעסען, דאָס דער דאָזיגער אינדזשאַנקשאַן פאַרבאָט, ניט בלויז „אומגעזעצליכען" פּיקעטען, זאָנדערן עס ווערט פאַרבאָטען צו פּיקעטען בכלל. עס ווערט פאַרבאָטען צו פּיקעטען, מעג עס אפילו געטאָן ווערען אויף דעם רוהיגסטען און געזעצליכסטען אופן. דער אינדזשאַנקשאַן געהט נאָך ווייטער. ער פאַרבאָט אפילו רעדען אָדער אַפּעלירען צו אַזוינע מענשען, וואָס האָבען אפילו אין זינען ניט געהאַט צו ווערען סטרייק ברעכער. עס פאַרווערט צו ריידען מיט אירגענד וועלכען אַרבייטער אין קלאָוק־טרייד, צי דאָס איז אויפ'ן פּיקעט־ליין, אָדער אַוועק פון פּיקעט־ליין. מיט איין וואָרט, אַט דער אינדזשאַנקשאַן פאַרווערט די סטרייקערס אַלעס. עס פאַרווערט אַנצוגעהן מיט אירגענד וועלכע סטרייק־מעטאָדע, מעג עס זיין ווי געזעצליך און רוהיג! די סטרייקערס טאָרען זיך ניט ווענדען און ניט ריידען צו קיינעם וואָס וויל פאַרנעמען זייערע פּלעצער אין שאָפּ. פּאַקטיש מיינט דאָס, אַז דאָס פאַרבאָט אין גאַנצען צו סטרייקען! אין עסעס, אַלזאָ, מאַכט דער אינדזשאַנקשאַן צו נישט די אַלע פונדאַמענטאַלע רעכטען וואָס דער געזעץ פון לאַנד גאַראַנטירט אַרבייטער אין זייערע קאַמפען פאַר העכערע וויידזשעס און בעסערע אַרבייטס־סטאַנדאַרדס.

דער אינדזשאַנקשאַן איז אַן אַרויספאָדערונג צו דער אַרבייטער באַוועגונג בכלל, און צו אונזער יוניאָן בפרט, וואָס עס טאָר ניט פאַרזעהן ווערען. עס איז ניט אמת, ווי די קלאָוק באַלעבאַטים האָבען כאַראַקטעריזירט דעם סטרייק, אַלס אַ סטרייק פון גוואַלדטהאַטען, ווי די פיהרער פון דעם אינדאַסטריאַל קאַונסיל האָבען עס באַהויפּטעט אין געוויסע אַפידייוויטס, מיט וועלכע זיי זיינען געקומען אין קאָורט פאָדערען אַן אינדזשאַנקשאַן. דער אמת איז, אַז דורך דער צייט פון דעם סטרייק איז כמעט קיינמאָל ניט פאָרגעקומען קיין אַקט פון אומגעזעצליכקייט אויף דער פּיקעט־ליין. די סטרייקערס האָבען זיך געהאַלטען און האַלטען זיך רוהיג און געזעצליך, אָבער די פיהרער פון די באַלעבאַטים האָבען זיך געשטעלט פאַר זייער אויפגאַבע, גלייך פון דעם ערשטען טאָג זינט דער סטרייק איז אויסגעבראָכען, צו אַרעסטירען הונדערטער פון די רוהיגע, געזעצליכע פּיקעטס. און ניט נאָר האָבען זיי אַרעסטירט די פּיקעטס, נאָר אפילו גלאַט מענשען וואָס זיינען געשטאַנען אויף די סיידוואָקס און געקוקט אויף די פאַרבייגעהענדע. אַט די אַלע זיינען אין מאַסען אַרעסטירט געוואָרען אויף דער קלאַגע פון „דיס־אָרדערלי קאָנדאַקט". די אַרעסטירטע מענער און פרויען זיינען גאַנץ אָפט באַפרייט געוואָרען פון די ריכטער אין די קאָורטס, וועלכע האָבען ניט געקענט איינזעהן וואָרום זיי זיינען אַרעסטירט געוואָרען. אין אַנדערע פאַלען זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרען געלט־שטראָפען אויף די אַרעסטירטע. דאָס איז אָפטמאָל געטאָן געוואָרען אין האָלסייל. גאַנצע גרופּען זיינען מיט אַמאָל באַשטראָפט געוואָרען, יאָ שולדיג, אָדער ניט שולדיג. און אויף דעם גרונד פון אַט די דאָזיגע, לכל הדעות, ניט באַרעכטיגטע אַרעסטען, וואָס די באַלעבאַטים האָבען פאַראורזאַכט מיט זייערע העצעס געגען די פרידליכע סטרייקער, האָבען די ריכטער אַרויסגעגעבען דעם אינדזשאַנקשאַן.

* * *

עס מוז איינמאָל פאַר אַלע מאָל באַשטימט ווערען צי די טרייד־יוניאָניסטען פון ניו יאָרק האָבען דאָס רעכט צו סטרייקען, ווי אויך דאָס רעכט פאַר פרידליכען פּיקעטען. אונזער יוניאָן האָט גלייך אַריינגעגעבען אַן אַפּיל אין אַ העכערען געריכט געגען דעם אינדזשאַנקשאַן, און די יוניאָן וועט ניט רוהען ביז וואַנען אַט די פראַגע וועט ניט קלאָר און דייטליך באַשטימט ווערען. אונזער יוניאָן איז גרייט מיט דעם אַפּיל צו געהן אפילו ביז'ן העכסטען געריכט פון לאַנד.

וואָס אַנבאַלאַנגט די סטרייקער, די צענדליגער טויזענטער קלאָוקמאַכער אין דעם איצטיגען קאַמף, ווייסען זיי גאַנץ גוט, דאָס זייער שטרייט מיט די באַלעבאַטים קען ניט אויסגעגליכען ווערען דורך אַ „קאָורט אָרדער". זיי ווייסען, אַז זיי מוזען שטעהן אין קאַמף ביז וואַנען די באַלעבאַטים וועלען איינגעהן אויף אַ גערעכטען סעטעלמענט, ווי די פיהרער פון סטרייק האָבען זיך אויסגעדריקט גלייך נאָך דעם, ווי עס איז באַקאַנט געוואָרען, אַז אַן אינדזשאַנקשאַן איז אַרויסגעגעבען געוואָרען. זיי האָבען געזאָגט: „די סטרייקער וועלען פאָרטזעצען דעם קאַמף, פאַר דאָס רעכט צו אַרבייטען און מאַכען אַן אַנשטענדיגען לעבען, און זיי וועלען קעמפען אַזוי לאַנג, ביז זייערע גערעכטע פאָדערונגען וועלען נאָכגעגעבען ווערען".

די קאָנווענשאַן פון דער אַמעריקען פעד. אָוו לייבאָר אין דעטראָיט

די הויפּט פראַגע וואָס שטעהט אויף דער טאָגעס־אָרדנונג פון דער 46טער יעהרליכער קאָנווענשאַן פון דער אַמעריקען פעדערייש‍אַן אָוו לייבאָר, וועלכע האָט זיך געעפענט דעם מאָנטאָג אין דער פריה אין דעטראָיט, מיש., איז די פראַגע ווי אַזוי צו אָרגאַניזירען די מיליאָנען ניט־אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין לאַנד, אַרבייטער וועלכע וואָלטען זיכער באַדאַרפט זיין אין די רייהען פון די טרייד יוניאָנס. דעם יאָהר איז אַט די פּראָבלעם, צו פאַרגרעסערען די מעמבערשיפּ פון דער פעדערייש‍אַן, אַ סך שאַרפער ווי דאָס איז געווען פריהער, ווייל די קאָנווענשאַן האָט פאַר זיך דעם פאַקט, דאָס אין די לעצטע 12 מאָנאַטען איז איהר מעמבערשיפּ פאַרקלענערט געוואָרען מיט אומגעפער 60 טויזענט מיטגלידער. אָן און פאַר זיך, איז עס אפשר ניט אַזאַ ערשיינונג, וואָס דאַרף אַרויסרופען אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. עס איז אָבער זיכער געוויס וויכטיג זיך צו פאַרטראַכטען ערנסט וועגען דעם און זעהן געפינען אַ וועג ווי אַזוי צו פאַרגרעסערען די אָרגאַניזאַציאָנס טעטיגקייט אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג, כדי צו מאַכען איהר וואַקסען און אויסשפּרייטען זיך.

דאָס פאַלען פון דער מעמבערשיפּ אין די טרייד יוניאָנס זינט דעם יאָהר 1920 פון איין זייט, און דאָס באַשטענדיגע אויפקומען פון די זאָגענאַנטע „קאָמפּאַני יוניאָנס" פון דער צווייטער זייט, און דערביי נאָך אַנדערע אַנשיקענישען, ווי אַ שטייגער, די „אַמעריקאַן פּלאַן", די אָפּען שאָפּ באַוועגונג, מיט וועלכע עס באַנוצען זיך איינצעלנע באַלעבאַטים, אַזוי גוט ווי מאַנכע אָרגאַניזירטע מאַנופאַקטשורער אַסס'נס, האָט געמוזט פיהרען צו דעם, אַז די אַמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג זאָל פאַרשטאַרקען איהר טעטיגקייט און עס איז זיכער, אַז אַט די אַלע זאָגענאַנטע באַוועגונגען מצד די באַלעבאַטים זיינען געשאַפען געוואָרען מיט'ן צוועק צו שטערען די אַנטוויקלונג פון דער ווירקליכער טרייד יוניאָן באַוועגונג אין לאַנד, און דאָס האָט פאַרשאַרפט די פראַגע פון אויסברייטען די אָרגאַניזאַציאָנס טעטיגקייט.

* * *

מיט אַ פאָר יאָהר צוריק איז די אָרגאַניזאַציאָנס־פראַגע אין דער אַמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג געווען בלויז אַן אַקאַדעמישע פראַגע, און אומגעפער אויף אַזאַ אַרט איז עס טאַקע באַהאַנדעלט געוואָרען אויף די פריהערדיגע קאָנווענשאַנס פון דער א. פ. אָוו ל. איצט, אָבער, איז די פראַגע גאַנץ אַנדערש אויסגעשטעלט געוואָרען. די פּראָבלעם ווערט אַלץ שאַרפער און ברענענדער. עס איז קלאָר געוואָרען די געפאַר וואָס שטעקט הינטער אַט די אַלע מאַכינאַציעס פון די באַלעבאַטים, און די פראַגע, ווי צו אָרגאַניזירען די ניט־אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין לאַנד, איז, דעריבער, איינע פון די וויכטיגסטע פראַגען אויף דער היינטיגער קאָנווענשאַן אין דעטראָיט. די ערקלערונג פון די פיהרער פון דער א. פ. אָוו ל. לויטעט: „עס טאָר ניט צוגעלאָזען ווערען, אַז אין די פאַראייניגטע שטאַטען זאָל זיין בלויז אַ האַלבע טרייד יוניאָן באַוועגונג, און ביי דער זייט זאָלען עקזיסטירען „קאָמפּאַני יוניאָנס"."

וואָס פאַר אַ שטערונג עס זיינען די „קאָמפּאַני יוניאָנס" האָט מען אין פאַרלויף פון לעצטען יאָהר געקענט זעהן אין די פאַרשידענע צוזאַמענשטויסען צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט אין לאַנד. מען האָט עס געקענט זעהן אין דעם פאַרצויגענעם טעקסטיל סטרייק אין פּאַסייק, וואו די באַלעבאַטים פון די מילס האָבען מכלומרשט אַנערקענט עפּעס אַ „קאָמפּאַני יוניאָן", אין דער צייט וואָס די אַרבייטער פון די פאַבריקען זיינען אין סטרייק. דאָס זעלביגע האָט זיך אויך אַרויסגעוויזען אין פּענסילווייניא, ווען די פאַרוואַלטער פון דער פּענסילווייניא רייללראָוד האָבען זיך אַנטזאָגט צו פאַרהאַנדלען מיט דער ווירקליכער יוניאָן פון די „שאָפּ־מען" און האָבען אויך דאָרטען געשאַפען אַ „קאָמפּאַני יוניאָן". דאָסגלייכען פאָרמירען זיך אויך קאָמפּאַני יוניאָנס אין די מעטאַל טריידס, און אין אַנדערע טריידס, וואָס פאַרשפּרעכען צו זיין אַ געפאַר פאַר די עקזיסטירענדע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס אין יענע אינדוסטריען.

* * *

דער קאַמף פון דער אַמעריקען פעדערייש‍אַן אָוו לייבאָר געגען די „קאָמפּאַני יוניאָנס", אַלס אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין צו אָרגאַניזירען די מאַסע ניט אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין לאַנד, וועט אָבער ערשט ווערען באמת ווירקזאַם, ווען די אַלע אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס וואָס זיינען אַנגעשלאָסען אַן דער פעדערייש‍אַן, וועלען געבען זייער הילף; ווען די אינטערנעשאָנאַלס וועלען איינזעהן, אַז עס איז אַ טייל פון זייער אַלגעמיינער טעטיגקייט צו העלפען דער פעדערייש‍אַן אין אַט דער אַרבייט; ווען זיי וועלען איינזעהן, אַז עס איז ניט גענוג אַרויסצולאָזען דעקלאַראַציעס אויף קאָנווענשאַנס, אָדער באַאויפטראַגען אַן עקזעקוטיוו קערפּערשאַפט אַנצוגעהן מיט דער אַרבייט, זאָנדערן, זיי אַליין זאָלען זיך אָנפאַנגען אין דעם באַטייליגען. די פּרינטערס, די מיינערס, די בריקלייערס, די פּלאַסטערערס, די קליידער אַרבייטער, און די אינטערנעשאָנאַלס פון נאָך אַנדערע אָרגאַניזאַציעס וואָס שטעלען צונויף די פעדערייש‍אַן, דאַרפען נעמען אויף זיך די אויפגאַבע און אויך טראָגען די לאַסט פון אַ גרויסען אָרגאַניזאַציאָנס־קאַמפּיין וואָס זאָל זיין גערעכטעט געגען דער באַוועגונג פון די „קאָמפּאַני יוניאָנס"; אַ קאַמפּיין אַריינצוקריגען אין די ווירקליכע יוניאָנס יעדען ניט אָרגאַניזירטען לוין אַרבייטער. דאָס מוז געטאָן ווערען אויב מען וויל ניט, אַז די גרויסע אַרבייט זאָל פאַרבלייבען ניט מעהר ווי אַ פרומער וואונש. עס פאַרשטעהט זיך, אַז פאַר אַזאַ קאַמפּיין וועט זיך פאָדערען גרויסע סומען געלט. דאָס געלט קאָן קומען בלויז פון די טרייד־יוניאָנס, ניט פון קיינע אַנדערע קוועלען.

* * *

די צווייטע פון די הויפּט פראַגען, וואָס די דעלעגאַטען צו דער קאָנווענשאַן אין דעטראָיט האָבען פאַר זיך, איז די פראַגע פון אַ קירצערען אַרבייטס־טאָג, די פראַגע פון איינשטעלען אַ פינף טאָגיגע אַרבייטס־וואָך אין דער אינדוסטריע.

דיסקוטירענדיג אַט די באַוועגונג פאַר אַ קירצערען אַרבייטס־טאָג אין דער אינדוסטריע, ערב די קאָנווענשאַן אין דעטראָיט, האָט פּרעזידענט וויליאַם גרין פון דער אַמעריקאַן פעדערייש‍אַן אָוו לייבאָר געזאָגט צווישען אַנדערעס:

די קלאוקמאכער און זייער יוניאן אין לאנדאן

די וויגעלע פון דער אידישער סאציאליסטישער ארבייטער-באוועגונג. — א בריף פון לאנדאן ספעציעל פאר דער „גערעכטיגקייט"

פון ש. ק.

לאנדאן, ענגלאנד, איז די וויגעלע פון דער אידישער סאציאליסטישער און ארבייטער באוועגונג, פון וועלכער היינטיגס יאהר ווערט געפייערט דער 50 יאהריגער יובילעי. עס איז אויסגעפאלען אויף דעם גורל פון די אידישע ארבייטער אין לאנדאן צו האבען ביי זיך אלע פיאנערען פון דער איד. סאציאליסטישער באוועגונג. איידער מ. ווינטשעווסקי, ב. פייגענבוים, אב. קאהאן, ש. יאנאווסקי און — זיי צו לאנגע יאהר — פיליפ קראנץ, בארנאוו און אנדערע זיינען געקומען נאך אמעריקע, האבען זיי פרובירט מיט זייער יונגען ענטוזיאזם און פרישע קערפטען איינצופלאנצען דעם סאציאליסטישען געדאנק צווישען די אידישע ארבייטער אין לאנדאן. אבער ניט נאר האט לאנדאן געהאט דאס מזל צו האבען ביי זיך די אידישע פיאנערען, נאר האט אויך געהאט די זכיה צו האבען ביי זיך די גרעסטע, אויב ניט אלע, ניט-אידישע פיאנערען פון סאציאליזם. אויסער מארקס און ענגלעס, באקונין, טשערקעסאוו, סטעפניאק, און קראפאטקין, און שפעטער אויך לענין און טראצקי, וועלכע האבען פיליכט ניט געהאט קיין דירעקטע השפעה אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג, זיינען אבער געווען אזעלכע „גוים", ווי נ. וו. טשאיקאווסקי — דער זיידע פון דער רוסלענדער רעוואלוציע, לואיזא מישעל — די העלדין פון דער פאריזער קאמונע, ענריקא מאלאטעסטא — דער גרויסער איטאליענער, וועלכער איז איצט א געפאנגענער אין מוסאליני'ס טורמעס, און א צאל אנדערע, וועלכע האבען דירעקט געווירקט אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג. זיי האבען אדרעסירט מיטינגען און געלעקטשורט פאר אידישע ארבייטער. זייערע רעדעס זיינען דאס רוב איבערגעזעצט געווארען אין אידיש אדער ענגליש.

איך וויל דא אויך נאר אנדייטען, אויף דער גרויסער ראלע, וועלכע עס האבען געשפילט אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג אין לאנדאן, נאך אנדערע „גוים". די „גוים" רודאלף ראקער און מ. בעק. דער ערשטער, א דייטש, אלס וואונדערבארער רעדנער און פאר פילע יאהרען דער רעדאקטאר פון דעם לאנדאנער „ארבייטער פריינד", און דער צווייטער, א רוס, אלס רעדאקטאר פון דער „נייע צייט" — א וועכענטליכע סאציאליסטישע (בונדישע) צייטונג.

עס וועט דעריבער, גלויב איך, זיין אינטערעסאנט פאר די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט" צו וויסען עטוואס, וועגען דער לאגע פון דער אידישער ארבייטער און סאציאליסטישער באוועגונג אין לאנדאן, ווי עס איז היינט צו טאג.

צוערשט ווילען מיר באשפרעכען עטוואס וועגען דער לאגע פון די הינגע קלאוקמאכער און וועגען דער קלאוקמאכער יוניאן אין לאנדאן.

די לאגע אין קלאוק טרייד.

אין לאנדאן געפינען זיך לערך 1200 שעפער, אין וועלכע עס זיינען באשעפטיגט ארום 8000 קלאוקמאכער. דורכשניטלאך — ארום זיבען ארבייטער אין א שאפ. א העלפט פון דער צאל קלאוקמאכער — ארום 4000 — זיינען ענגלישע פרויען. די גרעסטע צאל שעפער געהערען צו קליינע קאנטראקטארלאך אדער, ווי מען רופט זיי דא, „מייסטערלאך", וועלכע נעמען ארויס ארבייט פון די מאנופעקטשורערס אויף זייערע — די קאנטראקטארס — אייגענע סאמפעלס.

דער סדר פון ארויסגעבען ארבייט צו די דאזיגע קאנטראקטארס איז איינפאך א שקלאפישער: אין א געוויסען פריהמארגען קענען קומען וואסערע 50 קאנטראקטארס צו א מאנופעקטשורער און אויסשטעלען זיך אין א ליין מיט זייערע סעמפעלס. דער צאר-מאנופעקטשורער קומט ארויס און פאנגט אן איבערקוקען די סעמפעלס און די פרייזען, וואס מען פארלאנגט פאר דער ארבייט. ווען א סעמפעל פון א „מייסטער'ל", און אויך דער פרייז פאר דער ארבייט זיינען לויט'ן געשמאק פון מאנופעקטשורער, שטעלט ער דעם מייסטערל אוועק אן א זייט, צו ווארטען, הייסט עס, ביז ער וועט פארטיג ווערען מיט די איבעריגע. ווען ער ווערט שוין פארטיג, נעמט ער זיך ערשט צו די „אויסדערוועהלטע". מיט זיי האנדעלט ער „ביזנעסמעסיג".

ווען א קאנטראקטאר פאדערט, לאמיר זאגען, 8 שילינג (2 דאלאר) ארבייט-געלט פאר א גארמענט, וועט איהם דער מאנופעקטשורער זאגען דאס דער אנדערער קאנטראקטאר בעט פאר דעם זעלבען גארמענט 6 שילינג (אפילו ווען דער אנדערער קאנטראקטאר בעט אויך 8) — און ביי זיך אין שאפ, ארבייטענדיג מיט „שיקסעס", קען ער האבען דעם זעלבען גארמענט געמאכט פאר 5 שילינג. נאר אזוי ווי דעם „מייסטער'ל" קען ער און וויים, אז ער מאכט גוטע-ארבייט, וועט ער אים געבען 6 און א האלב שילינג. און דער קאנטראקטאר נעמט, געוועהנליך, אן דעם ארדער, וויסענדיג פאראויס, דאס ער קען דערביי ניט מאכען אפילו א פעני פראפיט אויסער זיין אייגענער ארבייט.

ווען איהר זאלט, למשל, א פרעג טאן דעם זעלבען „מייסטער'ל", ווי אזוי עס לוינט איהם צו נעמען אזא גארמענט פאר דעם פרייז? וועט ער אייך פשוט ענטפערען: „קיין גליקען קען מען טאקע דערביי ניט מאכען, נאר מיינע וויידזשעס וואס איך וואלט פארדינט אין שאפ, ארבייטענדיג ביי יענעם, וועל איך דערביי מאכען. אגב, שטעהט מיר קיינער ניט ביים קארק, ווען איך וועל ארבייטען מיט א פאר שטונדען שפעטער, און די ווייב און קינדער וועלען אויך ניט געהן ליידיג... און אויב איכ'ל ניט נעמען, וועט דאך יענער סיי-ווי-סיי נעמען"...

אט די האלז-שניידענדע קאנקורענץ צווישען די קאנטראקטארלאך גופא פון איין זייט, און פון די מאנופעקטשורערס מיט די קריסטליכע פרויען, וואס ארבייטען אין טרייד, פון דער אנדער זייט, האבען ארונטערגעשלעפט דעם טרייד עד שאול תחתיה. די פרויען, וועלכע ארבייטען אין די גרעסערע (אינסייד) שעפער, ארבייטען פאר א קלעגליכען לוין און זיינען, קענטיג, צופרידען. על כל פנים, ווילען זיי ניט באלאנגען צו א „אידישער" יוניאן. און אזוי ארום זיינען זיי די „זינער" אין דער קאנקורענץ מיט די אידישע ארבייטער און מייסטערלאך... ערשט מיט צוויי וואכען צוריק איז א הינגע וויית-פארשפרייטע צייטונג („דזשאן בול") ארויס מיט א סענסאציאנעלען ארטיקעל וועגען דער שרעקליכער „סוועטינג סיסטעם", אונטער וועלכער די הינגע פרויען ארבייטען אין דער שניידער אינדוסטריע. דער שרייבער פארענדיגט זיין ארטיקעל מיט די ווערטער: „די לאגע אין דער שניידער אינדוסטריע האט זיך וויינציג וואס געביטען זינט דער צייט, ווען דזשאן הוד האט געשריבען זיין בארימט ליד — „די ליד פון דער העמד"...

אויף אזא אופן וואלטען די גרעסערע מאנופעקטשורערס, ספעציעל די ענגלישע, טאקע ניט געוואלט האבען צו טאן מיט די אידען און ספעציעל מיט די אידישע ארבייטער, די מעהרסטע פון וועלכע באלאנגען צו דער יוניאן. און דאדורך וואס די סטיילס זייען אין די לעצטע יאהרען שטארק פאראיינפאכט געווארען, וואלטען די דאזיגע מאנופעקטשורערס פיליכט טאקע איינגאנצען געקענט אויסקומען מיט „שיקסעס". די אורזאך, ווארום זיי גיבען פארט ארבייט צו די אידישע שעפער איז, וואס די זעלבע מאנופעקטשורערס ווילען זיך פשוט איינשפארען די גרויסע הוצאות פון דעזיינערס און סעמפלערס. ווארים די קאנטראקטארס ברענגען זיי טעגליך אהן א שעור סעמפעלס, פון וועלכע זיי קענען זיך אויסקלייבען און קאפירען וואס זייער הארץ גלוסט, אהן וועלכע ס'איז עקספענסעס. און עס זיינען דא פאראן מאנופעקטשורערס, וועלכע מאכען איבער א פערטעל מיליאן גארמענטס א יאהר, און באשעפטיגען ניט אפילו קיין איין דעזיינער. איין מאנופעקטשורער האט זיך אפילו בארימט, דאס ער באנוצט זיך מיט די „בריין פאוער" (מארך ארבייט) פון 50 דעזיינערס (מיינענדיג די קאנטראקטארס), וועלכע שטעלען איהם צו סעמפעלס אהן א גראשען געצאלט...

די לאגע פון די אידישע ארבייטער.

ווי אזוי די לאגע פון טרייד ווירקט אויף די אידישע ארבייטער קען מען זיך שוין לייכט פארשטעלען. די סיסטעם פון דער ארבייט איז שטיק-ארבייט. די סאניטארע באדינגונגען פון די שעפער, טראץ דער אויפפאסונג פון די רעגירונגס אינספעקטארען, איז ווייט פון צופרידענשטעלענד. דער ארבייטס-טאג איז ווייט פון א נארמאלען. בכדי א אידישער ארבייטער זאל אין סיזאן קענען אויסארבייטען א וואך וויידזשעס, דער מאקסימום וועלכער איז 8 פונט (40 דאלאר), מוז ער ארבייטען וואסערע 14-15 שעה א טאג. קיין מינימום פרייזען זיינען ניטא. דער איינציגער פאל, ווען די יוניאן קען זיך אריינמישען אין א סכסוך פון פרייזען איז, ווען מען דערוויסט זיך, דאס אין איין שאפ צאלט מען ווייניגער ארבייטס-געלט פאר דעם זעלבען גארמענט, ווי אין א צווייטען שאפ, ווען ביידע נעמען ארויס ארבייט פון דעם זעלבען מאנופעקטשורער. אבער אפילו אין אזעלכע פאלען קען די יוניאן גארניט טאן, ווארום דער קאנטראקטאר באווייזט, אז ער נעמט טאקע ארויס די ארבייט ביליגער ווי א צווייטער. און קעמפען מיט אט די „מייסטערלאך" הייסט קעמפען מיט'ן ווינט...

די לאגע פון דער יוניאן.

די יוניאן — „יונייטעד לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן" — צעהלט אומגעפעהר 4000 מיטגלידער, — 50 פראצענט פון טרייד. דער צוזאמענשטעל פון דער מיטגלידערשאפט איז 80 פראצענט מענער און 20 פראצענט פרויען.

אין 1912 האבען די קלאוקמאכער געהאט אן ערפאלגרייכען גענעראל סטרייק, וועלכער האט געדויערט זיבען וואכען. די שרעקליכע „סוועטינג סיסטעם", וועלכע האט ביז דאן געהערשט אין טרייד, איז דורך דעם סטרייק צום גרעסטען טייל אפגעשאפט געווארען. דורך דער צייט פון און נאך דער מלחמה, אבער, און דורך דעם כראנישען עקאנאמישען קריזיס, וועלכער הערשט אין לאנד, און די שרעקליכע ארבייטסלאזיגקייט, און הויפטזעכליך האבענדיג איבער זיך די בייטש פון די ניט-ארגאניזירבארע פרויען ארבייטארינס,—קען די יוניאן ניט שטארק מקפיד זיין אויף געוויסע געשעהענישען אין טרייד. די יוניאן האט אנגעפירט א הערואישען קאמף איינצוהאלטען כאטש עטליכע פון איהרע געוואונענע פאזיציעס. קיינע באסעס אסאסיאיישאנס עקזיסטירען דא ניט, פאלגליך עקזיסטירען אויך ניט קיינע אפמאכען צווישען דער יוניאן און די באלעבאטים.

די דיוס וואס די מיטגלידער צאלען צו דער יוניאן איז 6 פענס (12 סענט) א וואך. פון אט די איינגאמען ווערט געצאלט איין פונט א וואך סטרייק-בענעפיט; עס ווערט אויפגעהאלטען אן אייגענע הויז מיט אפיסעס, האלס א. אז. וו. ווי אויך אן ארגאנייזער (מענעדזשער), צוויי ביזנעס אייזשענטס, א סעקרעטאר און אפיס סטעף. די אלע באקומען — אונטער די אומשטענדען — א גאנץ אנשטענדיגען געהאלט; פון 6 ביז 8 פונט א וואך (30-40 דאלאר).

דער מענעדזשער פון דער יוניאן איז דער אלטער באקאנטער מ. קאפלאן, איינער פון די עלטסטע טוער אין דער הינגער ארבייטער באוועגונג, איינער פון די ערשטע רעדאקטערע פון דעם היסטארישען „ארבייטער פריינד". קאפלאן איז בארימט אלס אויסגעצייכענטער, שארפזיניג-וויציגער רעדנער. מיט דער יוניאן איז קאפלאן פארבונדען פאר די לעצטע 17-18 יאהר און האט ערפאלגרייך אדורכגעפירט אלע היסטארישע סטרייקס און קריזיסען פון דער יוניאן. עס איז קיין ספק ניט, דאס פאר דעם פרעסטידזש פון דער יוניאן איז פיעל צו דאנקען דער קלוגער און פארזיכטיגער פירערשאפט פון מ. קאפלאן.

וועגען „לינקיזם" אין דער און אנדערע יוניאנס, ווי אויך וועגען דער אידישער סאציאליסטישער און קולטורעלער באוועגונג אין לאנדאן בכלל, אין נעקסטען ארטיקעל.

„פיקעטס"

פון י. בערנשטיין

(מיטגליד לאק. 2)

ציהען זיך די רייהען,
אייפעריג, מיט לוסט;
אין צווייען, אין דרייען —
ציל-באוואוסט!

מיר קעמפען פאר ברויט!
נעגען אויסבייטער, שינדער;
געטריבען דורך נויט —
ארבייטער-קינדער.

ס'וועלען אונז ניט שרעקען
די אנפאלען ברוטאלע —
ס'וועט אונז מוט קלעקען
פאר די שונאים אלע!...

ענטפערס פון רעדאקציע

מעמבער לאק. 9, לערושער נומ. 6289. —אייער קאמפליינט וועט גאנץ געווי אונטערזוכט ווערען. אייער בריף האבען מיר איבערגעגעבען אין די ריכטיגע הענט, און מען וועט צו דעם גלייך אטענדען. די פראגע איז נאר, וואס האט איהר געווארט אזוי לאנג? ווארום האט איהר פריהער דאס ניט געלאזט וויסען?

מ. מילטאן, טאראנטא. — אייער פארלאנג וועט ערפילט ווערען. עס איז איינפאך ארויס פון זינען, אז איהר האט געוואלט, אז אייער באריכט זאל אויך געדרוקט ווערען, אין אונזער ענגלישער אויסגאבע, די „דזשאסטיס".

דוד סעלצער. — עס איז אומזיסט געווען אייער באמיהען זיך צו דערצעהלען אונזערע לעזער, אז דער דיכטער ב. צ. בורשטאק איז געשטארבען מיט 9 מאנאטען צוריק. זיי ווייסען דאס אזוי גוט, ווי איהר. ווען דער יונגער דיכטער איז פלוצלונג געשטארבען, האבען מיר עס געלאזען וויסען אין דער „גערעכטיגקייט" און אויסגעדריקט אונזער צער, וואס אזא יונגער, באגאבטער מענש איז אפגעשניטען געווארען פון דעם בוים פון לעבען. מיר האבען דאמאלס אויך געמעלדעט, דאס עס איז ביי אונז געבליבען זיינס א ירושה — דאס א קורצע צייט פאר זיין טראגישען טויט האט ער אונז געבראכט א פעקעל נייע לידער צו פארעפענטליכען. ער האט געדרוקט זיינע לידער אין דער „גערעכטיגקייט" שוין זייט א לענגערער צייט און טאקע אין זעלבען נומער, וואו מיר האבען געמעלדעט וועגען זיין פריהצייטיגען טויט, האבען מיר פארעפענטליכט זיינס א ליד; און אזוי האבען מיר פארעפענטליכט פון צייט צו צייט די אנדערע לידער, וואס זיינען ביי אונז פארבליבען און מיר האבען ניט געפונען פאר נויטיג יעדען מאל, ווען מיר דרוקען אט זיינס א ליד, צו דערמאנען וועגען זיין טויט. די פריינט און אייגענע פון דעם דיכטער גיבען איצט ארויס זיינע לידער אין א בוך און דעם האנאר פאר די לידער, וואס מיר האבען אפגעדרוקט נאך זיין טויט, האבען מיר איבערגעגעבען צו אט-די פריינט זיינע פאר דער אויסגאבע פון דעם בוך. מיר האבען נאך איין ליד, דאס לעצטע, וואס ב. צ. בורשטאק האט געשאפען, איידער ער איז געשטארבען. מיר וועלען דאס ליד פארעפענטליכען אין איינעם פון אונזערע נעקסטע נומערען. פריינט ד. סעלצער, וועלכער, ווי עס שיינט, לייענט ניט רעגעלמעסיג די „גערעכטיגקייט", וועט איצט פארשטעהן, אז מיר האבען גוט געוואוסט, דאס דער דיכטער איז טויט, און דאס וויסען אויך אונזערע לעזער.

י. ג. — אויף איינעם פון אייערע בריוולאך, וואס איהר האט אונז צוגעשיקט מיט א צייט צוריק, איז יע געווען אן אונטערשריפט „מעמבער לאקאל 2" און מיר האבען דעריבער געוואוסט, אז איהר זייט א מעמבער פון דעם לאקאל. מעהר ניט, דער בחור הזעצער האט אויך צוגעלייגט נאך א 2, איז געווארען „לאקאל 22". די צווייטע פאבעל, „דער באדימער", נאך ניט געלייענט. מיר האבען לעצטענס באקומען גאר א סך מאנוסקריפטען און מיר לייענען זיי אין דער רייהע, ווי זיי זיינען אריינגעקומען. איהר זייט ניט דער איינציגער, וואס מוז אביסעל ווארטען אויף אן ענטפער. די קלאוקמאכער האבען איצט „פלענטי" צייט און א סך פון זיי האבען זיך א נעם געטאן צום שרייבען; מיר באקומען איצט א סך מעהר מאנוסקריפטען, ווי די איצטיגע צייט ערלויבט אונז אויף דעם אפצוגעבען.. און מיר ווילען זיך טאקע דא באנוצען מיט דער געלעגענהייט צו בעטען די אלע צושיקער, זיי זאלען אונז מוחל זיין, וואס זיי וועלען מוזען אביסעל ווארטען אויף אן ענטפער.

אב. ברייען, לאקאל 2. — סיידען איהר לייענט ניט די „ענטפערס פון רעדאקציע". מיר האבען אייך יע געענטפערט, אז איהר וועט דארפען אביסעל ווארטען. וואס אנבאלאנגט די לעצטע „סטרייק-לידער", וואס איהר האט אונז צוגעשיקט, איז עס גארניט מיט גארניט. עס איז דאס ערגסטע, וואס מיר האבען ווען עס איז פון אייך באקומען. מיר האבען אייך שוין איינמאל געזאגט, אז ערנסטע לידער שרייבען איז ניט פאר אייך, עס איז ניט אין אייער „ליין", און מיר ראטען אייך, איהר זאלט זיך מיט דעם מעהר ניט באדערען. לאזט עס איבער צו די פאעטען.

י. ראטשטיין, מעמבער לאק. 35. — וואו האט איהר געהאלטען די רעדע און פאר וועמען? ווארום גיט איהר ניט אן, וואו און צו וועמען איהר האט גערעדט, און ווער זיינען עס די „ברידער ארבייטער און קאמעראדען פון דער ס. ע. ס. ליין"? מיר קאנען ניט דענקען פון פארעפענטליכען אייער רעדע, איידער איהר וועט אונז לאזען וויסען אט די פאר פאקטען.

די פייערונג פון דער ערעפענונג פון אונזער עדיוקיישאנאל סיזאן וועט פארקומען פרייטאג, דעם 19טען נאוועמבער, אין וואשינגטאן אירווינג היי סקול. פראמינענטע ארטיסטען וועלען זיך באטייליגען.

באזארגט זיך מיט פרייע טיקעטס.

אויפ'ן וועג צו באשטימען דעם גורל פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג

די פראבלעמען אין אמעריקאנישען טרייד יוניאניזם. — דער באריכט פונ'ם עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער א. פ. אוו ל. צו דער קאנווענשאן אין דעטראיט. — די קאנווענשאנס פון די א. פ. אוו ל. דעפארטמענטס.

פון ה. לאנג

ווען די „גערעכטיגקייט" וועט זיין אין די הענט פון די לעזער, וועט די קאנ-ווענשאן פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אף לייבאר, וואס ווערט איצט געהאלטען אין דעטראיט, שוין האבען פארענדיגט איהר ערשטע וואך זיצונגען. מען קען אבער ניט געבען קיין געהעריגע אפשא-צונג פון די האנדלונגען פון דער קאנ-ווענשאן, וואו מען קוקט פריהער ניט אי-בער דעם באריכט פונ'ם עקזעקוטיוו קאונ-סיל פון דער פעדערעישאן. דארטען זיי-נען אנגעצייכענט די איצטיגע פראבלע-מען אין דער אמעריקאנער ארבייטער בא-וועגונג — פראבלעמען אינ'ם אמעריקא-נישען טרייד-יוניאניזם, אן וועלכע עס ווענדעט זיך דער גורל פון דער אמערי-קאנער ארבייטער באוועגונג.

און נאך עפעס איז נויטיג צו בא-טראכטען, איידער מען טרעט צו אפצו-שעצען האנדלונגען און באשלוסען פון א. פ. אף ל. קאנווענשאנס — די אינ-דוסטריעלע דעפארטמענטס פון דער אמע-ריקאן פעדערעישאן אף לייבאר, וועלכע האבען זייערע קאנווענשאנס איידער די א. פ. אף ליבאר קאנווענשאן עפענט זיך. זיי זיינען אויך פארגעקומען אין דעט-ראיט. א באשלוס פון איין דעפארט-מענט האט שוין געצווינגען אויפמערקזאמ-קייט פון אלע, וועלכע אינטערעסירען זיך מיט עקאנאמישע פראגען. איך מיין דא דעם מעטאל טרייד דעפארטמענט, וואס האט באשלאסען זיך צו פארבינדען מיט דער אינטערנאציאנאלער מעטאל-ארבייטער ארגאניזאציע פון דער וועלט.

מיר וועט נאך אויסקומען צו דערמא-נען די באציהונגען פון דער אמעריקען פעדערעישאן אף לייבאר צו דעם יוניאן-לעבען, און בכלל צו דער ארבייטער בא-וועגונג פון אנדערע לענדער.

ווענען דעם באשלוס פון מעטאל טרייד דעפארטמענט קען שוין אבער גע-זאגט ווערען, אז דאס מיינט ניט, אז די א. פ. אף ל. האט זיך ארגאניזא-ציאנעל דערנעהנטערט צו דעם אלגעמיי-נעם טרייד יוניאן אינטערנאציאנאל. איינצעלנע אינטערנעשאנאל יוניאנס פון אמעריקע געהערען שוין פון לאנג צו זייע-רע טרייד-אינטערנאציאנאלען. אזוי מאנ-כע ארגאניזאציעס פון די בילדינג-טריידס; אזוי די מיינערס. אזוי אויך די אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן; און אזוי אויך אר-גאניזאציעס פון די מעטאל-טריידס גופא. דאס, וואס א גאנצער א. פ. אף ל. דע-פארטמענט האט זיך ארגאניזאציאנעל פארברידערט מיט א טריידס-אינטערנא-ציאנאל, מיינט עס נאר, אז די יוניאנס פון די זעלבע טריידס אין אמעריקע הא-בען דערשפירט א נויטווענדיגקייט אויס-צוברייטערען זייערע ארגאניזאציאנס-אויפגאבען, כאטש זיי שפירען נאך ניט קיין נויטיגקייט אינטערנאציאנאל אויס-צוברייטערען די אויפגאבען פון דער גאנ-צער טרייד באוועגונג. די אינטערנאציא-נאלע פארברידערונג פון אלע מעטאל אר-בייטער ארגאניזאציעס איז אבער געקו-מען אין א וויכטיגען מאמענט, אין א היסטארישען מאמענט אינ'ם פארנעהם פון אן אינטערנאציאנאלען טראסט פון שטאל, אן וועלכער עס וועט זיך ווענ-דען דער ווייטערער גורל פון וועלט-האנ-דעל און וועלט-אינדוסטריע. דער גאנ-צער אידוסטריעלער קאמף צווישען איי-ראפא און אמעריקא מוז דורך דעם פאר-שארפט ווערען. דער אינטערנאציאנא-לער שטאל-טראסט וועט געוויס זוכען אריבערצוציאגען די מאסען-פראדוקציאן פון דער שטאל-אינדוסטריע אין אמערי-קע. דערפון קען ווערען א גאנץ שארפע קאנקורענץ צווישען די אייראפעאישע אר-בייטער און די אמעריקאנער. וואס בי-ליגער צו מאכען די פראדוקציאן פון שטאל — דאס וועט געוויס זיין די ערש-טע אויפגאבע פון שטאל-טראסט. פאר די אייראפעאישע ארבייטער הייבט זיך גלייך אן א קאמף פאר זייער לעבען. עס איז דערפאר אנגענעם צו פארצייכענען, אז אין אזא מאמענט פון אוועקשטעלען אן אינטערנאציאנאלען ארבייטס-פראנט געגען דעם אינטערנאציאנאלען קאפיטאל-פראנט האבען זיך די אמעריקאנער יו-ניאנס פון דער זעלבער אינדוסטריע ניט ארויסגעשטעלט מחוץ למחנה.

זאל שוין דא אויך פארצייכענט ווע-רען, אז צו באוועגען די אמעריקאנער מע-טאל-ארבייטער פאר אן אינטערנאציאנא-לען ברודער-בונד זיינען געקומען די פיה-רער פון די מעטאל טריידס פון אייראפע. זיי זיינען אויך געסט צו דער קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אף ליי-באר. זיי זיינען פארטרעטער פון דייטש-לאנד, שוועדען, ענגלאנד און פראנק-רייך.

דער זעלבער דעפארטמענט פון די מע-טאל טרייד יוניאנס פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אף לייבאר, וואס האט פינף הונדערט טויזענט מיטגלידער, האט ביי זיין קאנווענשאן, אין דעטראיט, געשאפען נאך אן אינטערעס — שוין אן אינטערעס הויפטזעכליך פאר דעם אינערליכען לעבען פון דער אמעריקאנער ארבייטער-באווע-גונג אליין. מעהרער ווי אין אנדערע טריידס, זיינען עס די מעטאל-טריידס וואו עס מעהרען זיך און שטארקען זיך די קאמפאני יוניאנס. שוין די אויטא-מאביל-אינדוסטריע גופא, אין וועמענס קעניגרייך די גאנצע אמעריקאן פעדערעי-שאן אף לייבאר איז איצט פארזאמעלט איז פאר דעם א באווייז. די אויטאמאביל אינדוסטריע מיט איהרע פארשידענ-אר-טיגע ברענטשעס, און הונדערטע טויזענ-טע ארבייטער, איז ניט ארגאניזירט. אין מאנכע פון די ריזיגע „פלענטס" זיינען דא „שאפ-ארגאניזאציעס" פון ארבייטער און פארלייט און דעפארטמענט-מענע-דזשערס. זיי ווערען אבער פון קיין יו-ניאנס ניט קאנטראלירט. זיי זיינען קאמ-פאני-יוניאנס. די „פארד-פלענטס", וואס זוכען כסדר איינצושטעלען בעסערע אר-בייטס-באדינגונגען, טוען דאס אויך אהן א וועלכער-עס-איז באהעפטיגונג מיט יו-ניאנס, און די בעסערע ארבייטס-באדינ-גונגען האבען דערפאר א גאנץ שלעכטע ווירקונג אויפ'ן טראכטען און פיהלען פון די ארבייטער. דער רעזולטאט איז, אז דאס גראבט אונטער די עקזיסטענץ פו'ן דער גאנצער ארבייטער באוועגונג. פאר-וואס איז אזוי שווער אריינצוקריגען די אויטאמאביל ארבייטער אין דער אלגע-מיינער טרייד-יוניאן באוועגונג? איינע פון די הויפט-שוועריגקייטען ליגט אין די יוניאנס אליין. עס וואלט אויסגעקומען צו לאזען די אויטאמאביל ארבייטער אין א באזונדערע ארגאניזאציע; אלע סארטען ארבייטער אין איין אינדוסטריעלע ארגאניזאציע; און די עקזיסטירענדע מעטאל ארבייטער יוניאנס ווילען דאס ניט. זיי וואלטען וועלען, אז מאשיניס-טען זאלען געהערען צו מאשיניסטען, און אזוי כסדר מיט אלע טריידס. מיט די-זער שוועריגקייט האט זיך באגעגענט די אמעריקאן פעדערעישאן אף לייבאר אויך אין אנדערע אינדוסטריען, וואו מעטאל ארבייטער פארנעמען דעם אויבען-אן. עס זיינען געמאכט געווארען פארזוכען צו ארגאניזירען די טויזענטער ארבייטער פון דער „דזשענעראל עלעקטריק קאמפאני". דער רעזולטאט איז געווען דער זעלבער. וועהרענד מען וואלט מיט אנשטרענגונג געקענט אריינציהען די „שאפ-ארגאניזא-ציעס" אין דער ארבייטער באוועגונג, אין „אויסמענשלען" די „קאמפאני יוניאנס" צו זיין „רעגעלע יוניאנס", וועלען זיך אבער די זעלבע „שאפ-ארגאניזאציעס" און „קאמפאני יוניאנס" ניט לאזען צו-ברעכען מיט'ן פאנאנדערטיילען די אר-בייטער צו באזונדערע פאך-ארגאניזא-ציעס. אין דעם איז אייגענטליך דער הויפט-פראבלעם פון ערפאלגרייכע און ניט-ערפאלגרייכע ארגאניזאציאנס-קאמ-פיינס אין דיזע טריידס. דער מעטאל טרייד דעפארטמענט האט פול און גאנץ דעם פראבלעם ניט געקענט לייזען, נע-מענדיג אין אנבעטראכט די אינטערעסען פון די באזונדערע שוין-עקזיסטירענדע יוניאנס. דאס איז אבער א פראבלעם פאר דער גאנצער אמעריקאנער ארביי-טער באוועגונג, ווייל „קאמפאני-יוניאנס" פרעסען זיך אויך אריין אין ארגאניזירטע טריידס. די פראגע איז ווידער געבראכט געווארען צו דער גאנצער קאנווענשאן פון דער א. פ. אף ל. דורכ'ן רעפארט פון עקזעקוטיוו קאונסיל.

נאר איידער מיר געהען ווייטער, ווע-לען מיר א קוק טאן אויף די אנדערע אינדוסטריעלע דעפארטמענטס, וואס הא-בען ערב דער קאנווענשאן פון דער א. פ. אף לייבאר געהאט זייערע זיצונגען.

1) דער בילדינג טרייד דעפארט-מענט;

2) דער לייבעל-דעפארטמענט.

די בילדינג טרייד יוניאנס זיינען די איינציגע, וועלכע רעדען אהן א וואקלע-ניש וועגען „פראספעריטי". אן אפיציע-לער סטייטמענט פונ'ם בילדינג טרייד דעפארטמענט זאגט, אז „ניטא איצט קיין בילדינג טרייד ארבייטער, וואס זאל דארפען לאנג ארומזוכען א דזשאב; יע-דער בילדינג טרייד ארבייטער איבער'ן גאנצען לאנד קען איצט קריגען באשעפ-טיגונג". די בילדינג טרייד יוניאנס זיי-נען אויך כמעט די איינציגע ארבייטער ארגאניזאציעס, וועלכע האבען זיך ניט צו מאטערען מיט א פראבלעם פון „אפפא-לענדע מעמבערס". שטעלען בילדינגס געהט אן אין לאנד אהן אן אפהאלט. אמעריקע בוים זיך. לויט די „בילדינג-פערמיטס", וועלען דעם יאהר געשטעלט ווערען געביידען אין ווערט פון זעקס בי-ליאן דאלאר. די בילדינג טרייד יוניאנס האבען, אלזא, ניט קיין פראבלעם פון ארבייטסלאזיגקייט, און די יוניאנס בויען זיך מיט'ן ווייטערען אויפבוי פון לאנד. דערפאר האבען די בילדינג טרייד יוניאנס אן אנדער פראבלעם — די „דזשורי סדיק-שאן-סכסוכים".

אינ'ם פראצעס פון שטעלען געביידעס קומען פאר ענדערונגען אין דער ארבייט. עס ענדערט זיך די ארבייטס-מאשינערי; איין פאך קייטעלט זיך אריין אין א צווייטען וואס מעהר און וואס אפטער. ווידער איז דא א פראגע פון איינשטעלען אן אינדוסטריעלען כאראקטער אין יוניאנס, אנשטאט זיין לויט פאכען צוטיילט. אבער ווידער איז אויך א פראגע, צי די עקזיסטי-רענדע יוניאנס ווילען דאס. די הויפט-פיהרער פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אף לייבאר טוען אלץ וואס זיי קענען אויסצוגלייכען די „דזשורי סדיקשאן-סכסוכים". פרעזידענט גרין איז אין דעם פרט געווען א סך מזל'דיג. אונטער זיין אדמיניסטראציע איז פארענדיגט גע-ווארען אן אלטער קריג צווישען די

(שלוס אויף זייט 11)

צייט-נאטיצען

פון נארמאן טאמאס.

„ארבייטער פון דער גאנצער וועלט, פאראייניגט זיך! איהר האט גארניט צו פארלירען, בלויז אייערע קייטען. איהר האט א גאנצע וועלט צו געווינען!" דאס איז א שלאג-ווארט, וואס אין דעם ברייטען בליק פון געשיכטע, ענטהאלט אין זיך פיעל אמת. אין קיין פאל איז עס אבער ניט קיין זעלבספארשטענדליכער אמת אין באצוג צו פארשידענע קערפער-שאפטען פון ארבייטער איבער דער וועלט, אין אירגענד וועלכען באשטימטען מא-מענט.

נעמט, צום ביישפיל, דעם ענגלישען קוילען סטרייק. א נידערלאגע פאר די ענגלישע קוילען סטרייקער, וועט סוף כל סוף מיינען א שאדען פאר דער גאנצער ארבייטער באוועגונג אין יעדען לאנד. דאך אבער, מיינט די אנהאלטונג פון דעם סטרייק מעהר באשעפטיגונג פאר די אר-בייטסלאזע מיינערס, און שפייז פאר זייע-רע קינדער, אין אמעריקא, דייטשלאנד און נאך אין אנדערע לענדער. די אמע-ריקאנער קוילען פראדוקציע איז געשטי-גען כמעט 10 פראצענט, א דאנק דעם ענג-לישען סטרייק. און ניט נאר האבען די דייטשע קוילען גרעבער געפונען מעהר אר-בייט, א דאנק דעם פארגרעסערטען פאר-לאנג אין ענגלאנד פאר דייטשע קוילען, נאר זיי האבען געוואונען דעם היימי-שען מארקעט, אין וועלכען ענגלאנד איז פריהער, אונטער דעם סובסידיע-פלאן, גע-ווען א קאנקורענט. איז עס דען א וואונ-דער, דאס אונטער אזעלכע אומשטענדען געפינען די מיינערס פון אויסער ענגלאנד, אז ס'איז פאר זיי פיל לייכטער צו שטי-צען זייערע ענגלישע ברידער מיט געלט מיטלען, איידער אפצושטעלען דעם עקס-פארט פון קוילען קיין ענגלאנד?

די מאראל פון דיזע באמערקונגען, אויב זיי האבען א מאראל, איז, אז מיר קענען ניט ערווארטען אן אמת עפעקטיווע אינטערנאציאנאלע סאלידאריטעט פון אלע ארבייטער איבער דער וועלט, דורך דער אויטאמאטישער ווירקונג פון זעלבסט אינטערעסען. די אייגענע, זעלבסטזיכטי-גע אינטערעסען זיינען געוועהנליך זעהר קורצזיכטיג, און זעהען ניט ווייטער פון דעם איך! מיר מוזען דעריבער איינ-ווארצלען א מעהר באוואוסטזיניגען גע-פיהל פון ברודערשאפט צווישען די אר-בייטער מאסען. מיר מוזען זעהן אויס-בילדען זיך אליין, ווי אויך אונזערע קינ-דער צו זיין מעהר ווייטזיכטיג. די גע-שיכטע פון נאציאנאליזם לערנט אונז, דאס א געפיהל קען ווערען אזוי שטארק, דאס עס זאל קענען באזיגען אייגענע זעלבסט-אינטערעסען.

באטראכט נאר, מיט וואס פאר אן ענטוזיאזם די ארימע מאסען זיינען אונ-טער דעם דרוק פון נאציאנאליזם אין מלחמה געשטארבען, קעמפענדיג צו בא-שיצען די אינטערעסען פון די רייכע! מיר ווילען ניט דערגרייכען קיין אינטער-נאציאנאליזם, אדער א ברייטע ארבייטער סאלידאריטעט, ביז עס וועט ניט אנריה-רען די געפיהלען פון די מאסען, וועלכע וועלען באזיגען זייערע קורצזיכטיגע זעלבסט-אינטערעסען.

עס וואלט געווען אביסעל צו שטרענג, ווען מיר וואלטען דיזע ווערטער געצילט אלס קריטיק געגען די מיינערס פון אמע-ריקא, דייטשלאנד און די אנדערע לענ-דער. מיר וויסען צו גוט זייער שווערע לאגע, און מיר שעצען צופיעל אפ די ברייטהארציגקייט, וואס זיי האבען ארויסגעוויזען צו די ענגלישע סטרייקערס אין אן אנדער זין. עס איז אן אויסערגע-וועהנליכע פאסירונג, דאס די אינטערנא-ציאנאלע פעדעראציע פון מיינערס זאלען אפילו האבען גערעדט וועגען א גענעראל-סטרייק. דאך, אבער, אילוסטרירט די קוילען סיטואציע א פונקט, וועלכען די ארבייטער איבער דער וועלט קענען זיך ניט פארגינען צו איגנארירען.

אויבערפלעכליך זיינען די לעצטע לטייטמענטס פון די מעקסיקאנער בישאפען אין די אינטערעסען פון רעליגיעזער פרייהייט, פרייהייטס-דאקומענטען, און די פאדערונגען פאר אומענדערונגען אין די געזעצען פון מעקסיקא זיינען ניט אומ-באגרינדעט. דאך, מוז מען אבער געדענ-קען, אז קיין רעגירונג, אין די טעג פון איהר מאכט, אונטערשטיצט ניט און פראק-טיצירט ניט קיין גלויבען אין אמת'ער רעליגיעזער פרייהייט.

עס וואלט דעריבער געווען א געפאר צו סימפאטיזירען מיט די מעקסיקאנער בישאפען, ניט מאכענדיג צוערשט אן אויספירליכע אויספארשונג פון דער גע-שיכטע און פון די אומשטענדען אין מעק-סיקא, וועלכע מאכען פיליכט נויטיג א געוויסער באגרענצונג פון רעליגיעזער פרייהייט. מארגארעט שיפמאן, פון לי, מאס., האט ערשט ארויסגעגעבען אויף איהר אייגענעם חשבון אן אינטערעסאנ-טען און וויסענשאפטליכען פאמפלעט אונ-טער'ן נאמען „מעקסיקא'ס קאמף פאר דע-מאקראטיע, — די רעוואלוציעס פון 1857 און 1910", וועלכען מיר רעקאמענדירען צו יעדען איינעם, וועלכע ווילען זיך בא-קענען מיט דעם הינטערגרונד פון דער איצטיגער לאגע אין מעקסיקא.

האט איהר באמערקט וואס דער גר-טער סאלווין קולידזש האט געטאן מיט פראפעסאר ריפלי'ס זעהר באשיידענעם פארשלאג, דאס קארפאריישאנס זאלען האלטען זייערע חשבונות אין בעסערער ארדנונג, און זיי פארעפענטליכען אויף א מעהר פינקטליכען און צופרידענשטע-לענדען אופן? זיין אייגענע באהויפטונג איז געווען, דאס די „פעדעראל טרייד קאמישאן" האט די פולמאכט צו צווינ-גען די פובליקאציע פון אמת'ע חשבונות פאר דער פראטעקציע פון דעם פובליקום.

פרעזידענט קולידזש האט ניט גע-וואגט צו זאגען, אז פראפעסאר ריפלי'ס פארלאנג פאר בעסערער „אקאונטינג" איז אן אומגערעכטע, האט ער זיך פארטיי-דיגט מיט דעם אלטען נארישען ארגו-מענט פון „סטייט רייטס". זאל די שטאאט, און ניט די נאציע, אכטונג גע-בען אויף דעם. פונקט אזוי ווי די 48 שטאאטען, וואס פילע פון זיי קאנקורי-רען צווישען זיך אריינצוכאפען די קאר-פאריישאנס קענען אדער ווילען צווינגען די נאציאנאלע קארפאראציעס צו פאר-עפענטליכען ריכטיגע אקאונטס! און דערווייל האט די פעדעראלע טרייד-קא-מישאן, וועלכע פרעזידענט קולידזש אליין האט אנגעפילט מיט רעאקציאנע-רען, אפגעלייקענט, אז זי האט די פול-מאכט צו צווינגען די קארפאראציעס דאס צו טאן.

פראפעסאר ריפלי'ס רעקאמענדאציע איז זיכער ווייט ניט קיין ראדיקאלע. עהרליכע קאפיטאליסטען וואלטען אליין געדארפט פארלאנגען אמת'ע „פובליסי-טי" פון זייער פינאנציעלען צושטאנד, אלס א פארטיידיגונג פון זייער אייגענעם סיסטעם. און פילע קארפאריישאנס גע-בען טאקע איצט אליין ארויס די אינ-פארמאציע, וועלכע פראפ. ריפלי האט פארלאנגט. אבער די איצטיגע אדמי-ניסטראציע אין וואשינגטאן איז אזוי שטארק איבערגעגעבען די אינטערעסען פון די „ביג ביזנעס", דאס זי וויל אפילו ניט מאכען די אנשטרענגונג אריינצוברענגען דיזע קליינע רעפארם.

אויפ'ן וועג צו באשטימען דעם גורל פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג

(שלוס פון זייט 8)

פלאמבערס און מאשיניסטען, און אן ארבייטס־אגרימענט איז צווישען זיי איינגעשטעלט געווארען. אזוי איז אויך פארענדיגט געווארען א קריג צווישען די עלעקטריק ארבייטער און סטים־אינדזשעניר. עס זיינען נאך אבער דא דיספיוטען צווישען די בריקלעיערס און פלאסטערער, צווישען די מאשיניסטען און עלעקטריק ארבייטער ביי סטריט קארס, און דורך א דיספיוט מיט די טימסטערס איז די באן־קלוירקס יוניאן סוספענדירט געווארען פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אף לייבאר. אבער אפילו אין די אויסגעגליכענע טריידס קומען אויך ארויף נייע דיספיוטען. די אורזאכע איז גאנץ פארשטענדליך. די שטענדיגע ענדערונגען אין טריידס ברענגען צו דעם. און עס איז דאך א כלל, אז יעדע ארגאניזאציע ווערט קאנסערוואטיוו ביז'ן ביין, ווען עס טרעט אריין א צייט, ווען א טייל פון איהרע מיטגלידער מוזען איבערגעהן צו אן אנדער ארגאניזאציע. און די בילדינג טרייד יוניאנס זיינען אין דעם פרט אודאי קאנסערוואטיוו. טאקע דערפאר, ווייל עס איז א „פראספעריטי" אין די טריידס. ארגאניזאציעס ווילען זיך ניט שיידען מיט מיטגלידער און מיטגלידער ווילען זיך ניט שיידען מיט ארגאניזאציעס.

דער לייבעל־דעפארטמענט, ווידער, האט שוין דעם פראבלעם פון אלע פראבלעמען — ניט אזוי אגיטאציע אין דער ברייטער באפעלקערונג פאר קויפען יוניאן־פראדוקטען, ווי פשוט — ארגאניזירען די ניט־ארגאניזירטע טריידס.

אין דעם לייבעל־דעפארטמענט זיינען טאקע די הויפט בעל־דעה אזעלכע יוניאנס, וועלכע זיינען אנגעוויזען אויף דער פארשפרייטונג פון „יוניאן לייבעלס", אין אמת'ן אבער האבען אין דעם אן אינטערעס אויך די בילדינג־טריידס און אויך די מעטאל־טריידס. אלע האבען „לייבעל"־פראגען, און מיט די „לייבעל"־פראגען געהט מיט די גרויסע ארגאניזירונגס־פראגע.

נו, איז א פראגע פון מעהרער קאנצענטרירען די ארגאניזאציאנס־ארבייט פון אלע יוניאנס. דער צענטער פאר דעם איז דא. דאס איז טאקע די אמעריקאן פעדערעישאן אף לייבאר. אום איבערצוגעבען דעם נאציאנאלען אפיס פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אף לייבאר די ארגאניזאציאנס־ארבייט פון די יוניאנס אויף א נאציאנאלער ליניע, מוז מען גלייכצייטיג געבען דער אמעריקאן פעדערעישאן אף לייבאר מעהרער אויטאריטעט איבער די יוניאנס; לאזען איהר איינשטעלען אזעלכע ארגאניזאציאנס־פארמען, וועלכע דער מאמענט וועט פאדערען פאר נויטיג. אויף אזא אופן וואלט זיך שוין בעסער געקענט לייזען אויך דער פראבלעם פון די „קאמפאני יוניאנס". די פעדערעישאן וואלט געקענט איבערלאזען גאנצע „פאבריק־ארגאניזאציעס". איז אבער ווידער א פראגע, צי די עקזיסטירענדע יוניאנס, וועלכע האבען דעם ארגאניזאציאנס־פראבלעם פאר זיך, זיינען גרייט אויפצוגעבען זייער אויטאנאמיע.

דער ארגאניזאציאנס־פראבלעם האט נאך א פראגע, לעבענס־וויכטיג פאר דעם ווייטערען גורל פון דער גאנצער ארבייטער באוועגונג — די פראגע פון ארגאנייזערס און ארגאניזירונגס־מעטאדען. די ארבייטער באוועגונג שלאגט זיך צונויף מיט א צושטאנד, ווען אגיטאציע, אז די ארבייטער האבען אויסצושטעהן אן אונמענגליכע שקלאפעריי, גילט ניט מעהר; און עס גילט אויך ניט מעהר דער טיפ יוניאן ארגאנייזער, וואס איז נאר אן אגיטאטאר. אין אנדערע ווערטער — אלץ מעהר ווערט נויטיג א ברייטע אפענע טיר פאר וואס מעהר אינטעליגענץ ארום די יוניאנס. עס ווערט נויטיג דער טיפ יוניאן־ארגאנייזער, וואס קען זיך דערגרונטעווען אין עקאנאמישע פראגען, רע־ען אין טערמינען פון פאקטען און ציפער, און קריגען געזעלשאפטליכע פארבינדונגען צוצוקומען צו די פיהרער פון אינדוסטריען. דער איצטיגער דור פיהרער פון אינדוסטריען איז א קאלעדזש־דור. זיי זיינען די יונגע מאן־געבער אין אמעריקע. אין זיי איז די גייסטיגע אנטוויקלונג פון לאנד. די ארבייטער־באוועגונג, אלס א געזונטער כח אין דעם גאנצען קרעפטען־שפיל פון לאנד, מוז קענען מיטגעהן מיט דיזער ערשיינונג אין אינדוסטריעלען לעבען, פונקט אזוי ווי זי פאסט צו איהרע פאליסים לויט דער טעכנישער אנטוויקלונג פון אינדוסטריען אין לאנד.

ווי אזוי ווערט דאס אלץ באהאנדעלט ווערען ביי דער אלגעמיינער אמעריקאן פעדערעישאן אף לייבאר קאנווענשאן?

דער רעפארט פון עקזעקוטיוו קאונסיל ברענגט צו דער קאנווענשאן די פאלגענדע פונקטען:

צי עס זאלען ווייטער אנגעהאלטען ווערען די פרייהייטליכע פרינציפען אין צוזאמענהאלטען די ארגאניזאציעס אין דער אמעריקאן פעדערעישאן אף לייבאר; ווי אזוי זאלען די ארגאניזאציעס געבראכט ווערען צו מעהרער פראגרעס; די דזשורויסדיקשאן־פראגען אין טריידס; די קאמפאני יוניאנס. ווענען די אינדוסטריען, וואו עס איז דא א פארביסענע שנאה צו יוניאנס; די ווידזש־פראגען; דאס וואס בעלי־בתים פארקויפען סטאקס פון זייערע פירמעס צו זייערע ארבייטער; ווענען די אינסטיטוציעס אין דער ארבייטער באוועגונג, ווי באנקען און אינשורענס־געזעלשאפטען; ווענען אפהיטען קאנטראקטען מיט בעלי־בתים; ווענען קאאפעראציע צווישען יוניאנס און פארוואלטונגען פון פאבריקען; ווענען דער עדיוקיישאן־ארבייט פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר דורך איהר ספעציעלען דעפארטמענט; ווענען דעם קאמף געגען קינדער־ארבייט; ווענען באציהונגען צו בירגערליכע ארגאניזאציעס; ווענען אינטערנאציאנאלע באציהונגען מיט דער ארבייטער באוועגונג פון אנדערע לענדער; ווענען א רייהע אויפטואונגען פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אף לייבאר און איהר טעגליכער טעטיגקייט; און א גאנצע רייהע געזעץ־פראגען אין פארשידענע סטייטס און אין דער פעדעראלער רעגירונג, אין וועלכע די ארבייטער באוועגונג איז דירעקט אדער אונדירעקט פאראינטערעסירט.

ניין, די אמעריקאן פעדערעישאן אף לייבאר איז דורכ'ן יאהר ניט גרעסער געווארען, וואס איז שייך די צאל מיטגלידער. מאנכע יוניאנס האבען פארלארען מיטגלידער, און דאס מיינט, אז אין מעמבערס איז די א. פ. אף ל. קלענער געווארען. די פראגען, וועלכע דער עקזעקוטיוו קאונסיל האט געבראכט צו דער קאנווענשאן, זיינען אבער באשטימונגס־פראגען, ווי אזוי די אמעריקאן פעדערעישאן אף לייבאר זאל זיך מעהר צעוואקסען. דאס זיינען פראגען, אן וועלכע עס ווענדט זיך דער ווייטערער גורל פון דער ארבייטער באוועגונג. מיר וועלען צוקוקען און זעהן ווי אזוי די קאנווענשאן וועט דאס אלץ פונאנדערנעמען.

לערענט דעזיינינג

איהר קענט פארדינען פון 50 ביז 200 דאלאר וועכענטליך
נעהמט א קורס אין דער בעריהמטער

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

פון מענ'ס, פרויען, מיסעס און קינדער קליידער און ליידיס פאר גארמענטס.
די מיטשעל סקוהל פאר דעזיינינג לערנען צו מאכען פעטערנס, גריידינג, דרייפינג און פיטען קלאוקס, סוטס, דרעסעס, פאר פאר גארמענטס און מענ'ס קליידער.
געגרינדעט איבער 50 יאהר.

די סקול האט ערגרייכט
נייע אידעען, נייע סיסטעמען, בעסטע רעזולטאטען.
א קורס אין דער מיטשעל דעזיינינג סקול מיינט א באלדיגע שטעלע און גוטע ווידזשעס.
א גוטע פראפעסיאן פאר מענער און פרויען, און עס איז זעהר לייכט זיך אויסצולערנען.
באזונדערע לעסאנס ווערט געגעבען ווערען אין אייער אייגענער שפראך, אום איהר זאלט אלעס פארשטעהן.
די באדינגונגען פאר'ן אויסלערנען זיך זיינען זעהר לייכטע.
מיר זיינען די עלטסטע פעשיאן קאמפאני אין אמעריקא און מיר פארקויפען פעשיאנס און שניידען אלערליי פעטערנס.
טאג און אווענט קלאסען.
אווענט־קלאסען, מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.
פרייע דעמאנסטריישאן אין אונזער סקוהל.
קומט פערזענליך פאר פרייע אינפארמאציע.

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

15 וועסט 37טע סטריט, ניו יארק. טעלעפאן וויסקאנזין 5970.

Buy Union Stamped Shoes

We ask all members of organized labor to purchase shoes bearing our Union Stamp on the sole, inner-sole or lining of the shoe. We ask you not to buy any shoes unless you actually see this Union Stamp.

BOOT & SHOE WORKERS UNION — UNION STAMP — Factory

Boot & Shoe Workers' Union
Affiliated with the American Federation of Labor
246 SUMMER STREET, BOSTON, MASS.

COLLIS LOVELY, General President — CHARLES L. BAINE, General Secretary-Treasurer

דער
ארבייטער רינג

אין דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

$2,500,000.00 — פארמאגט
83,000 — מיטגלידער
740 — ברענטשעס

דער ארב. רינג שטיצט יעדען וויכטיגען עקאנאמישען און פאליטישען קאמף.

דער ארב. רינג איז דער קולטור צענטער אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגלידער.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

אויב איהר זייט נאך ניט קיין מיטגליד, שליסט זיך גלייך אן!

נאך אויסקינפטע זיך ווענדען:

THE WORKMEN'S CIRCLE
175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

פרעסערס פון קלאוקס

מיר בעטען אייך איהר זאלט אויסשניידען דיזען אדווערטייזמענט און באהאלטען ביי אייך אין פאקעט, ווייל איהר וועט אונז דארפען האבען

מיר האבען געמופט
פון 123 פינפטע עווניו, צו
321 פינפטע עוו.
ביי דער 32טער סטריט, 1טען פלאר.

מיר האבען אויפגעפיקסט עקסטרא סאנימארי ווייער ברעטלעך צו פרעסען; וועלוועט, פלאש און בעליוויע. מיר האבען אויך די בעסטע סטימערס אין מארקעט, טרוקענע סטים מיט א גאראנטיע אויף פינקינג מאשינס.

מיר לאדען איין אלע פרעסערס, דעזיינערס און באסעס צו קומען זעהן די נייע מאדעלס פון די ווייער ברעטלעך און סטימערס. אלע זיינען ווילקאמען!

די אמעריקען פלאש און וועלוועט פרעסבארד קאמפאני
321 פינפטע עוו., ניו יארק
טעלעפאן: אשלאנד 6650 און 6651.
קאונטרי ארדערס שנעל אטענדעט.

גליקשטיינ'ס דעזיינינג סקול
265 גרענד סטריט, ניו יארק



בעט. קריסטי און פארסיטה סטס. טעל. ארטשארד 8842
סקול פאר דעזיינינג, קאטינג און



גריידינג אין אלע מאכען פון ליידיס, מענס, טשילדרענס און פור גארמענטס. פעטערנס ווערען געשניטען צו מעסיגע פרייזען.
די סקול איז אפען א גאנץ יאהר.

קויפט אויסשליסליך
סאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי
ווהייט לילי טהעע

די אידישע אגריקולטור (באראן הירש) סאסייעטי

העלפט אלע צוקונפטיגע פארמערס מיט אויספינדען ווענען פארמערי' און ווי זיך אויסצוהיטען פון שווינדלערס, ווען איהר קויפט אייער פארם.
נים קיינע דעפאזיטס אידער איהר בעראט זיך מיט אונז.
אונזער ראט און סערוויס איז אבסאלוט פריי. שרייבט אדער קומט פערזענליך.
אפען טעגליך אויסער שבת — פון 9 ביז 5, זונטאג — ביז 1 אזייגער.

JEWISH AGRICULTURAL SOCIETY, INC.
301 E. 14th St. New York City

די קראנקע פיאניסטין

(שלום פון זייט 5).

און צו איהר האט זיך אומגעקערט איהר פארשטאנד. איך האב איהר פאנאנדער־געבונדען און זי האט זיך פארשעמט, וואס זי ליגט אין איין העמד פאר מיר.

— איך בין וועהר קראנק, — האט זי זיך גענומען קלאגען,—און זיי אלע האבען מיך פארמוטשעט.

— וועמען מיינט איהר?

— זיי אלע, די שלעכטע מענער, מא־טערען מיך שטארק.

זי האט מיר פארמאכט די אויגען און גענומען איינדרעמלען.

איך בין שטיל ארויס פון הויז. אין טאל האבען געזונגען פויגלען און די שפי־צען פון די ארומיגע בערג האבען זיך אנ־געצונדען פון דעם מארגען־שטערען.

אין א יאהר ארום האב איך זי ווידער געטראפען אויף א קאנצערט, וואס מען האט געגעבען פאר ארימע קינדער. נאכ־דעם ווי איינער האט אפגעשפילט אויף א וויאלאנטשעל, האט זיך באוויזען די משוגענע פיאניסטין אויף דער בינע. זי איז געגאנגען אנגעטאן, ווי צום ערשטען מאל, ווען איך האב זי געזעהן, אין א לאנג שווארץ קלייד און האט געווארפען ארום זיך מאָדנע אומרוהיגע בליקען און אלץ געזוכט עפעס, וואס זאל איהר ברענגען פרייד און אויסוועבען א וואונדערבארען נעץ ארום איהר שווערע און טרויעריגען לעבען.

14 טויזענט מענשען זעהן שפילען די ברוקלין וואנדער־ערס מיט די קענעדער טשעמפיאנס.

איבער 14 טויזענט מענשען זיינען זונטאג געקומען אין עבעטס פילד זעהן שפילען די „ברוקלין וואנדע־רער" מיט די קענעדער טשעמפיאנס אולסטער יוניטעד.

די געים איז געווען איינע פון די אינטערעסאנטסטע. ביידע צדדים הא־בען שטארק געשפילט און עס האט זיך געענדיגט גלייך אויף גלייך. ביידע טימס האבען געמאכט בלויז צו איין גאול. די גאולס זיינען געמאכט געווארען בלויז אין דער ערשטער העלפט. אין דער צווייטער העלפט האבען די „וואנדערער" אנגעפיהרט א שטארקע אטאקע און אי־בערשפילט די געגנער, אבער קיין גאול האט קיינער ניט געקענט מאכען.

די וואנדערער האבען געהאט אין זייער טיעם צוויי נייע אידישע שפילער פון אונגארן: פישער אלס גאול קיפער און גראס. ביידע האבען זיך שטארק אויסגעצייכענט. אין דעם טים „וואנדע־רער" שפילען עטליכע טשעמפיאנס פון דעם בארימטען אידישען טים „הכח".

דעם זונטאג ביימאג וועלען די „וואנ־דערער" שפילען מיט דעם „באסטאן טים" אין דעם „האטהארן פעלד", אין ברוקלין.

אמעריקאנער „ארט" לאדעט איין אלע ארגאניזאציעס צו דער נאציאנאלער קאנווענשאן.

דער אפיס פון דעם אמעריקאנער „ארט", 31 יוניאן סקווער, ניו יארק, האט ארויסגעשיקט איינלאדונגען צו אלע נאציאנאלע און לאקאלע ארגאניזאציעס אויפצוקלייבען דעלעגאטען צו דער נא־ציאנאלער קאנווענשאן, וועלכע „ארט" רופט איין פאר דעם 24טען אקטאבער, אין האטעל פענסילווייניא, ניו יארק.

איינלאדונגען זיינען ארויסגעשיקט געווארען צו די פאלגענדע ארגאניזא־ציעס: ארבייטער רינג, אינדעפענדענט ארבייטער רינג, אינדעפענדענט ארדער ברית אברהם, אינדעפענדענט ארדער ברית שלום, אינדעפענדענט ארדער בני ברית, אידיש־נאציאנאלער ארבייטער פארבאנד, אידיש סאציאליסטישער פאר־באנד, אמאלגאמייטער שניידער יוניאן, אינטערנעישאנאל קלאוק מייקערס יו־ניאן, אינטערנעישאנאל העט און קעפ מייקערס יוניאן, אינטערנעישאנאל פאר וואירקערס יוניאן, אינטערנעישאנאל פא־קעט בוק וואירקערס יוניאן, דזשאינט באארד פון דער קלאוק מייקערס און פאריערס יוניאן, פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, פוילישער פארבאנד, פועלי ציון, פארשידענע לאנדסמאנשאפ־טען.

אלע ארגאניזאציעס זיינען געבעטען אויפצונעהמען די פראגע ביי זייער נעק־סטער פארזאמלונג. די סעקרעטארען זיינען געבעטען פארצולעזען די איינ־לאדונגען און זעהן, אז זייערע ארגאניזא־ציעס זאלען אויסוועהלען דעלעגאטען.

ארגאניזאציעס, וואס האבען קיין איינלאדונגען ניט באקומען, זיינען גע־בעטען אויסצוואוועהלען דעלעגאטען און צושיקען זייערע נעמען אין אפיס פון אמעריקאנער „ארט".

אידישע שרייבער באגריסען די ערשיינונג פון הארקאווי'ס נייעם ווערטערבוך

דער „פרץ שרייבער פאראיין" ארגאנ־זשירט אן „אווענט פון דער אידישער שפראך" לכבוד דעם גרויסען אידישען שפראך־געלערטען אלכסנדר הארקאווי, צו באגריסען די ערשיינונג פון זיין נייעם גרויסען ווערטערבוך. דאס איז דער גרעסטער ווערטערבוך פון דער אי־דישער שפראך און איז אזא גרויסע און וויכטיגע ליטעראַרישע געשעהעניש, אז די אידישע שרייבער וועלען פייערען די וויכטיגע געשעהעניש ווי א יום־טוב.

דער הארקאווי־אווענט וועט פארקו־מען נעקסטען שבת אווענט, דעם 19טען אקטאבער, אין די האיאס בילדינג.

ווייסט איהר, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא? לעזט די געשיכטע פון דער אינטערנעישאנאל ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאן, פון דר. לואיס לעווין, און איהר וועט מיט אלץ באקאנט ווערען.

נ ע ה מ ט א ק ע מ ע ל



קעמעל קוואליטעט פארבלייבט איינציג

אין הויז אדער אין דרויסען, אין אפיס אדער אויף דער פרייער לופט — קיין אנדערער סיגארעט שטעלט אזוי צופרידען דעם געשמאק ווי א קעמעל.

קעמעלס האבען געגעבען דער וועלט א נייעם באגריף וועגען הנאה פון רויכערען, און די רויכערערס האבען באלוינט די קעמעלס מיט דעם גרעסטען פארקויף וואס מען האט ווען געגעבען א סיגארעט. אין דער גאנצער געשיכטע פון רויכערען האט קיין אנדערער סיגארעט געהאט און אנגעהאלטען אזוי פיעל פריינד. קיין אנדערער האט געבראכט אזוי פיעל צופרידענהייט אין רויכערען צו אזוי פיעל מי־ליאנען.

קעמעלס פארדאנקען זייער בארימטהייט אין דער וועלט בלויז זייער קוואליטעט — די אויסער־וועהלטסטע טערקישע און אמעריקאנער טאבאקען וואס וואקסען, און דער קעמעל מישונג וואס איז אנ־דערש ווי יעדע אנדערע. **קעמעלס ווערען קיינמאל ניט דערעסען, לאזען קיינמאל ניט איבער א סיגארעטישען ווידער־טעם.**

אויב איהר האט נאך ניט פרובירט קעמעל, זייט זיך מכבד מיט דעם צופרידענשטעלענדסטען סיגארעט אין דער וועלט. קעמעל וועט פארשאפען דעם פריינדליכסטען, געשמאקסטען טעם וואס איז ווען געקומען פון נאטור'ס אויסערוועהלטסטען טא־באק. פאר קוואליטעט, פאר פולע הנאה פון רויכע־רען, לאדען מיר אייך איין צו פארגלייכען קעמעלס צו וועלכען עס איז סיגארעט פאר יעדען פרייז.

נעהמט א קעמעל!

R. J. REYNOLDS TOBACCO CO., WINSTON-SALEM, N. C.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ״ז, 6.)

אין מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדים גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. VIII. No. 42. New York, Friday, October 15, 1926 פרייטאג, 15טער אקטאבער, 1926 PRICE 3 CENTS

גרויסע דעמאנסטראציע ארום סיטי האל דעם שבת אין פראטעסט געגען אינדזשאנקשאן

די דעמאנסטראציע איז ארגאנזירט פון פארשטעהער פון די גאנצע טרייד־יוניאן באוועגונג אין ניו יארק. — עקזעקוטיווע פון דער קאנפערענץ שיקט א ספעציעלע טעלעגראמע צו פרעזי־דענט גרין אויף דער קאנווענשאן אין דעטראיט. — אלע קלאנגען פון א „באלדיגען סעטעל־מענט״ פון קלאוקמאכער סטרייק לאזען זיך אויס מיט גארנישט. — דער קאמף ווערט פארט־געזעצט מיט באנייטער ענערגיע.

דעם שבת בייטאג וועט פארקומען א גרויסע פראטעסט־דעמאנסטראציע ארום סיטי האל. די דעמאנסטראציע ווערט אראנזשירט פון דעם עקזעקוטיוו קאמיטעט פון דעם טרייד יוניאן קאנפערענץ, צו העלפען די קלאוקמאכער אין דעם שווערען קאמף וואס זיי פעכטען שוין זייט 15 וואכען.

דורך דער דעמאנסטראציע וועט איבערגעגעבען ווערען א פראטעסט צו מעיאר וואקער, איהם אנווייזענדיג עפענטליך אויף דער ברוטאליטעט פון דער פאליציי אין דעם איצטיגען סטרייק, וועלכע האט זיך קאטעגאריש אוועקגעשטעלט אויף דער זייט פון די קלאוק באלעבאטים!

די דעמאנסטראציע וועט אויך אויסדריקען א העפטיגען פראטעסט געגען דעם אינדזשאנקשאן אין דעם קלאוק סטרייק, און געגען אינדזשאנקשאנס אין סכסוכים צווישען ארבייט און קאפיטאל בכלל.

עס ווערט ערווארטעט, דאס צעהנדליגע טויזענט ארבייטער, פרויען און מענער, די מיטגלידער פון די אלע יוניאנס וואס זיינען פארטראטען אין דער קאנפערענץ, זאלען קומען זיך באטייליגען אין דער פראטעסט דעמאנסטראציע. וואס אמבא־לאנגט די מיטגלידער פון אלע אינטערנעשאנאל לאקאלס אין ניו יארק, איז דאך אפגערעדט, — זיי וועלען געוויס, אלע ווי איינער, מענער און פרויען זיך באטייליגען אין דער פראטעסט דעמאנסטראציע.

זאלען אלע זיין דארט און אין צייט!

זיס, אז מען זאל זיך קענען צונויפקומען אויף א קאנפערענץ צו נעהמען ריידען וועגען שלום און א נייעם אגרימענט, אבער דערווייל איז פון דעם גארניט ארויסגע־קומען.

אין דער צייט, ווען די שורות ווערען געשריבען (מיטוואך בייטאג), איז נאך ניט צו מערקען קיין שום ענדערונג אין דער לאגע, און דער סטרייק ווערט פארט־געזעצט מיט פולער ענערגיע. דער סטרייק וועט אזוי פארטגעזעצט ווערען אזוי לאנג ווי דאס וועט נויטיג זיין, דאס הייסט ביז די באלעבאטים וועלען זיין געצוואונגען צו סעטלען מיט דער יוניאן, ווארים נאר דעמאלט, ווען די באלעבאטים וועלען אנ־הויבען ריידען וועגען א סעטעלמענט מיט דער יוניאן, קען קומען אן ענדערונג אין דער לאגע.

עקזעקוטיוו קאמיטעט פון דער יוניאן קאנפערענץ ביי דער ארבייט

די עקזעקוטיוו־קאמיטע פון דער יו־ניאן קאנפערענץ האט זיך ארגאניזירט גלייך שבת, מיט ב. גאלד, פון די פאריערס, אלס טשערמאן, און י. מ. בודיש, פון די קעפ־מאכער, אלס סעקרעטאר. דיזע קא־מיטע האט זיך גלייך גענומען צו דער אר־בייט דורכצופיהרען די באשלוסען, וואס די קאנפערענץ האט אנגענומען פרייטאג־נאכט.

דאס ערשטע איז ארגאנזירט געווארען א ריזיגע פראטעסט־דעמאנסטראציע ארום סיטי האל פאר דעם שבת בייטאג. די דע־מאנסטראציע איז ארגאנזירט געווארען, — האט סעקרעטאר בודיש ערקלערט, — ווייל די ביז־איצטיגע אפילס צום פאליס־קאמישאנער געגען דער ברוטאליטעט פון דער פאליציי צו די סטרייקערס האבען זיך ארויסגעוויזען אלס פרוכטלאז. די סטריי־קערס ווערען ארעסטירט פאר קיין אנדער חטא, ווי בלויז פאר דעם, וואס זיי פיקעט־טען פרידליך די שעפער. בלויז לעצטע וואך זיינען הונדערטער קלאוק־פיקעטס באשטראפט געווארען מיט גרויסע סומען געלט, פון 50 און 25 דאלאר, אדער צו 10 און 5 טעג אין פריזאן. און מיר האבען איינגעזעהן, אז דער איינציגער ווירקזא־

(שלוס אויף זייט 12)

סטרייק פון ליידיס טיילארס און קאסטאם דרעסמאכער לאקאל 38, פארענדיגט

דער גענעראל סטרייק פון די ליידיס טיילארס און קאסטום דרעס מאכערס יוניאן, לאקאל 38, וואס האט זיך אנ־געהויבען מיט א וואך צוריק, האט זיך מאנטאג געענדיגט און די ארבייטער זיי־נען דינסטאג אין דער פריה שוין גע־גאנגען צוריק צו דער ארבייט.

נאך צוויי טעג פון קאנפערענצען צווישען פארשטעהער פון דער יוניאן מיט די ליידיס טיילארס באלעבאטים, איז אן אגרימענט צווישען ביידע צדדים מאנטאג אונטערגעשריבען געווארען און אויף א מאסענפארזאמלונג פון סטריי־קערס, וואס איז אפגעהאלטען געווארען מאנטאג בייטאג אין סענטראל אפערא הויז, איז דער אגרימענט גוט געהייסען געווארען פון די סטרייקער.

לויט דעם אגרימענט, וואס איז גע־שלאסען געווארען, האבען די באלעבא־

(שלוס אויף זייט 2)

קלאנגען פון א באלדיגען סעטעלמענט פון סטרייק

אין די לעצטע פאר וואכען האבען זיך ארומגעטראגען קלאנגען אין־דער אלגעמיי־נער פרעסע און צווישען עולם און אויך, נאטירליך, צווישען די קלאוקמאכער, אז אט־אט — און דער סטרייק איז געסע־טעלט.

אויף דעם מיטינג פון דער גענעראל־סטרייק־קאמיטע, דינסטאג אווענט, אין מאנהעטען לייסעאום האל, איז די פראגע ברייט ארומגערעדט געווארען.

ברודער ל. היימאן האט באריכטעט, דאס עס זיינען ניט פארגעקומען קיינע קאנפערענצען אדער צוזאמענקונפטען מיט די באלעבאטים, אז דאס זאל געבען א בארעכטיגונג פאר די קלאנגען, וואס ווע־רען פארשפרייט, אז דער סטרייק האלט ביים געסעטעלט ווערען. ברודער היימאן, פרעזידענט זיגמאן, בארוכאוויטש און זי־מערמאן, די מיטגלידער פון דער „עדוויי־זארי קאמיטע״, האבען ערקלערט, דאס גע־וויסע פערזאנען האבען זיך אין די לעצטע פאר וואכען באמיהט צונויפצוברענגען די יוניאן און דעם אינדאסטריעל קאונסיל; דאס זיי האבען געזוכט צו געפינען א בא־

דעם 19טען נאוועמבער

די ערעפענונג פון אונזער עדיוקיישא־נאל סיזאן וועט געפייערט ווערען דורך א גרויסארטיגען קאנצערט און טאנץ, פרייטאג, דעם 19טען נאוועמבער אין וואשינגטאן אירווינג הײַ סקול.

די גאנצע ארגאניזירטע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא אין קאמף זייט ביי זייט מיט די קלאוקמאכער

די קאנפערענץ, וואס די גענעראל־סטרייק קאמיטע האט איינגערופען לעצ־טען פרייטאג אווענט, איז געווען א גרוי־סער ערפאלג אין אלע הינזיכטען. די קאנפערענץ איז געווען גרויס, אימפא־זאנט, זעהר איינדרוקספול. און דער רע־זולטאט איז, דאס די גאנצע ארגאניזיר־טע ארבייטערשאפט פון ניו יארק האט פרייטאג אווענט זיך געשטעלט אין דעם קאמף, זייט ביי זייט מיט די סטרייקער.

דער קאמף פון די קלאוקמאכער איז איצט, אלזא, געווארען דער קאמף פון דער גאנצער ארבייטער באוועגונג. די גאנצע ארבייטער באוועגונג, אלע יוני־אנס, האבען זיך איצט איינגעווארפען אין קאמף צו העלפען די קלאוקמאכער, סיי מיט געלד און סיי אויפ׳ן פיקעט־ליין, צו געווינען זייער קאמף.

די קאנפערענץ, ווי שוין פריהער בא־מערקט, איז געווען א גרויסער ערפאלג. 162 דעלעגאטען, פארשטעהער פון 10 צענטראלע בארדס און 61 לאקאל יו־ניאנס, וועלכע האבען פארטראטען ארום 800 טויזענט פארשידענע ארבייטער, זיינען געווען פארטראטען ביי דער קאנ־פערענץ, און פראקטישע רעזאלוציעס, ווי אזוי צו העלפען די קלאוקמאכער, ווי צו באקעמפען דעם אינדזשאנקשאן און ווי צו באזארגען די סטרייקער מיט אמו־ניציע, דאס הייסט, מיט געלד מיטלען, דעם סטרייק אנצופיהרען געגען די מא־נופעקטשורערס, זיינען איינשטימיג אנ־גענומען געווארען.

איבערצוגעבען די אלע רעזאלוציעס אין פול וואלט פארנומען צופיל פלאץ, און מיר וועלען זיך מוזען באנוגענען אי־בערצוגעבען אין קורצען דעם אינהאלט פון יעדער רעזאלוציע באזונדער.

מיט א טיפען ערנסט איז אויפגענו־מען געווארען דער באריכט פון דער רע־זאלוציאנס קאמיטע און אלע פארגע־שלאגענע רעזאלוציעס זיינען אנגענומען געווארען איינשטימיג. דער אינהאלט פון די רעזאלוציע נומער 1 איז ווי פאלגט:

די קאנפערענץ, וואס פארטרעט די גאנצע ארגאניזירטע ארבייטער באוועג־גונג פון ניו יארק און שליסט אין זיך איין דעם סענטראל טריידס ענד לייבאר קאונסיל און די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען מיט זייערע פארבינדע־טע יוניאנס, די אמאלגאמייטעד, די קעפ מייקערס און די פאריערס אינטערנע־שאנאלס און לאקאלס, וואס האבען צו־זאמען ארום 800,000 מיטגלידער דריקט אויס דעם שטארקען פראטעסט געגען אינדזשאנקשאנס און פארפליכטעט זיך צו שטיצען די קלאוקמאכער און אלע אנ־דערע יוניאנס, וואס ליידען פון אינ־דזשאנקשאנס אין זייער קאמף געגען אט די גריכט באפעלען, וואס גראבען אונ־טער זייערע ארגאניזאציעס און שטערען זייער טעטיגקייט.

2) די עקזעקוטיווע פון דער קאנפע־רענץ ווערט באאויפטראגט צו שטעלען זיך אין פארבינדונג מיט אלע ארגאניזא־ציעס צו שאפען א באוועגונג צו באאיינ־פלוסען די לעגיסלאטור דורכצופיהרען א געזעץ צו פארבאטען די אנווענדונג פון אינדזשאנקשאנס אין ארבייטער־סכסוכים אין ניו יארק סטייט.

3) א דעמאנסטראציע פון אלע אר־בייטער אין ניו יארק זאל וואס אמשנעל־סטען דורכגעפיהרט ווערען לעבען סיטי האל, וואס זאל פראטעסטירען צום מע־יאר געגען די ברוטאליטעט פון דער פא־ליציי, און א קאמיטע פון פארשטעהער פון אלע גרויסע יוניאנס זאל פראטעס־טירען צו מעיאר וואקער געגען דעם פא־ליציי דעפארטמענט פאר פארפאלגען די פיקעטס.

4) רעזאלוציע נומער 4 פאדערט אויף אלע מעמבערס פון די יוניאנס, וואס זיינען פארטראטען אויף דער קאנפערענץ, צו קומען אויף דער פיקעט ליין צו העל־פען די קלאוקמאכער פיקעטען די שע־פער.

5) א רעזאלוציע, אז די ערוועהלטע עקזעקוטיוו קאמיטע זאל ארויסשיקען א בריף צו אלע יוניאנס, אז זיי זאלען פאר־

אינהאלט פארצייכנים

„גערעכטיגקייט״ נומער 42.

זייט 2. סטרייק־נייעס.
זייט 3. עדיוקיישאנעל־דעפארטמענט. פאר־שידענעס.
זייט 4. טרייד און ארגאניזאציאנס־פראגען.
זייט 5. נאכ׳ן באל — קאטול מענדעס. אזוי פיל גליק — אל־גוריה.
זייט 6. עדיטאריעל.
זייט 7. די משוררטש־סענסאציע ביי דער קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעדע־רײשאן אוו לייבאר — ה. לאנג. סוף־זומער־ווינטלאך — א. ראדוצקי.
זייט 8. מארקוועמדע — על־עם. א קלאוק־מאכער קאמפס־ליד — מילטאן י. אייזענ־בערג. דער משפט — אב. קארלין.
זייט 9. אויס דעם לעבען און טעטיגקייט פון דעם באסטאן דזשאינט באארד — ד. גארעס. ענטפערס פון רעדאקציע.
זייט 10. זאכען גוט צו וויסען.
זייט 11. שלוסען און אדווערטייזמענטס.
זייט 12. באריכט פון ארבייטער רינג קאנ־פערענץ.

קאנווענשאן פון א. פ. אוו ל. באשליסט צו העלפען ניו יארקער קלאוק סטרייקער אין קאמף געגען די באלעבאטים

פרעזידענט גרין און מאטיו וואל אונטערשטיצען ווארים די רעזאלוציע פארגעבראכט פון א. ל. ג. וו. י. דעלעגאטען. — שפיעל פאר הילף איינשטימיג אנגענומען. — דעטראיטער צוזאמענקונפט ערקלערט א קאמף געגען „קאמפאני יוניאנס". — א. פ. אוו ל. וועט ארביטען פאר קורצערער ארבייטס וואך. — נאך דריי רעזאלוציעס פארגעבראכט פון אנזער דעלעגאציע. — פרעזידענט זיגמאן האט צוליב דעם קלאוק סטרייק ניט געקאנט פארלאזען ניו יארק און פאהרען צו דער ערעפענונג פון דער קאנווענשאן.

צווישען די ערשטע רעזאלוציעס וועלכע זיינען אנגענומען געווארען פון דער 46טער קאנווענשאן פון דער אמ. פעד. אוו. לייבאר, וועלכע האט ערעפענט אירע זיצונגען היינטיגען מאנטאג, דעם 4טען אקטאבער, אין דעטרויט, מיש., איז געווען די רעזאלוציע, וועלכע איז פארגעבראכט געווארען פון דער דעלעגאציע פון אונזער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, אויפפאדערענדיג דעם עקזעקוטיוו קאונסיל ארויסצושיקען א רוף צו אלע אנגעשלאסענע יוניאנס פון דער פעדערײשאן, צו געבען פינאנציעלע שטיצע צו די 40 טויזענט סטרייקענדע קלאוקמאכער אין ניו יארק, וועלכע געפינען זיך איצט אין דער 14טער וואך פון זייער סטרייק.

די רעזאלוציע איז פארגעבראכט געווארען פון לואיס פינקאווסקי איזידאר נאגלער, פיליפ ארעצקי, אברהם סניידער און באסיליא דעסטי, די דעלעגאציע פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן. עס איז גלייך פארגעבראכט געווארען פאר'ן רעזאלוציאנס קאמיטעט, וועלכער האט עס גלייך אויף מארגען פריה פארגעלייגט פאר דער קאנווענשאן, מיט דער רעקאמענדאציע די רעזאלוציע אנצונעמען.

פרעזידענט גרין און וויס־פרעזידענט מאטיו וואל האבען געהאלטען רעדעס פאר אננעמען די רעזאלוציע, אויפפאדערענדיג אלע ארבייטער ארגאניזאציעס פון לאנד צו העלפען די סטרייקענדע קלאוקמאכער. ברודער איזידאר נאגלער, פון לאקאל 10, האט אויך געהאלטען א קורצע רעדע פאר דער רעזאלוציע.

פרעז. מאריס זיגמאן, וועלכער האט געזאלט שטעהן בראש פון דער א. ל. ג. וו. י. דעלעגאציע, האט ניט געקענט זיין ביי דער ערעפענונג פון דער א. פ. אוו ל. קאנווענשאן. מאנכע זעהר וויכטיגע אנגעלעגענהייטען אין פארבינדונג מיט דעם קלאוק סטרייק אין ניו יארק האבען אים ניט ערלויבט צו פארלאזען ניו יארק אין דעם איצטיגען מאמענט.

רעזאלוציעס וואס זיינען פארגעבראכט געווארען פון די א. ל. ג. וו. י. דעלעגאטען

די רעזאלוציע, וועלכע איז פארגעבראכט געווארען פאר דער דעטראיטער קאנווענשאן, אויפפאדערענדיג הילף פאר די סטרייקענדע קלאוקמאכער פון ניו יארק, לעזט זיך ווי פאלגט:

„אין אנבאטראכט, דאס 50,000 ארגאניזירטע קלאוקמאכער אין דער שטאט ניו יארק זיינען שוין 14 וואכען אין סטרייק געגען זייערע באלעבאטים, וועלכע זוכען איינצופירען ווידער דעם „סוועט שאפ", וועלכער איז אין דער פארגאנגענהייט געווען א שאנד פאר אונזער אינדוסטריע, און האט אריינגעווארפען די ארבייטער אין אומשטענדען פון גוואלדיגער נויט און אונטערדריקונג, און

אין אנבאטראכט, דאס די ארגאניזירטע באלעבאטים פון דער קלאוק אינדוסטריע האבען גענומען אלעס אין זייערע כחות צו צוברעכען די ארגאניזאציע פון די ארבייטער, און זיינען געגאנגען אזוי ווייט ווי ארויסצוקריגען אן אינדזשאנקשאן געגען דער יוניאן, וועלכע איז אזוי שטריינג און ברוטאל, דאס עס פארבאט אפילו א רוהיגען און געזעצליכען פיקעטען, און דאס פאראורזאכט האלטייל טעגליכע ארעסטען פון הונדערטער סטרייקער, און

אין אנבאטראכט, דאס די רייען פון די סטרייקענדע קלאוקמאכער זיינען טראץ דעם געבליבען פעסט, און די קלאוקמאכער פיהרען זייער גערעכטען קאמף געטריי און מוטיג, ניט אכטענדיג די גרויסע נויט און הונגער, זאל עס זיין

באשלאסען, דאס די אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר, פארזאמעלט אויף איהר 46טער יערליכער קאנווענשאן אין דעטראיט, פאדערט אויף אלע אנגעשלאסענע יוניאנס אן דער פעדעריישאן צו קומען שנעל און ברייטהארציג צו הילף די ניו יארקער סטרייקערס, כדי צו פארזיכערען דעם ערפאלג פון זייער גערעכטען קאמף, און צוריקצושטויסען דעם פארזוך פון זייערע באלעבאטים צו אויסהונגערען זיי, ביז זיי וועלען זיך אונטערגעבען און זאל עס ווייטער זיין

באשלאסען, דאס די קאנווענשאן אינסטרואירט דעם פרעזידענט און דעם עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער פעדעריישאן צו אננעמען שריט אין דיזער ריכטונג גלייך נאך דעם שלוס פון דער קאנווענשאן."

נאך אנדערע דריי רעזאלוציעס, וועלכע זיינען פארגעבראכט געווארען פון אונזער אינטערנעשאנאל דעלעגאציע האבען צו טאן מיט די פראבלעמען פון מיליטערישע איבונגען, אימיגראציע, און די ארגאניזירונג פון די ניט־ארגאניזירטע. די רעזאלוציעס לייענען זיך ווי פאלגט:

רעזאלוציע וועגען מיליטערישע איבונגען.

„אין אנבאטראכט, דאס די „סיטיזענס מיליטארישע טריינינג קעמפס" איז אן אינסטיטוציע, געשטיצט פון די „אפען שאפ" באלעבאטים און רייכע קאפיטאליסטען, וועלכע זוכען ארויפצווינגען מיליטארישע איבונגען אויף יונגע ארבייטער אונטער דער פאלשער לאזונג פון „א מאנאט וואקיישאן מיט פעי", זאל עס זיין

באשלאסען, דאס די אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר זאל אנפאנגען א דרייוו געגען דער פראפאגאנדא פון די סיטיזענס מיליטערישע טריינינג קעמפס, און אנשטאט דער לאזונג אויפהויבען די לאזונג פון „נידער מיט מלחמה", און זאל עס ווייטער זיין

באשלאסען, דאס די קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר נעמט א שטעלונג געגען דער מיליטאריזאציע פון דער יוגענט אין די קאלעדזשעס פון לאנד, און איז אין פולער סימפאטיע מיט דער איצטיגער באוועגונג, וועלכע האט זיך אויפגעהויבען צווישען די קאלעדזש סטודענטען פון לאנד געגען מיליטארישער דיסציפלין און איבונגען".

רעזאלוציע וועגען אימיגראציע.

„אין אנבאטראכט, דאס די ארביטער פון כמעט אלע אייראפעאישע לענדער געפינען זיך אין גרויסער נויט אלס רעזולטאט פון דער וועלט מלחמה און די עקאנאמישע אומארדנונג וואס האט נאכגעפאלגט, און

אין אנבאטראכט, דאס די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט מוזען העלפען איינע די אנדערע אין זייער קאמף פאר מענשליכע באדינגונגען פון לעבען, און

אין אנבאטראכט, דאס די טויערען פון אמעריקא זיינען געשלאסען געווארען פאר אונזערע ליידענדע ברידער ארבייטער, דורך דער איינפיהרונג פון שטרייננגע באשרענקונגס געזעצען, זאל עס, דעריבער, זיין

באשלאסען, דאס די אמ. פעד. אוו לייבאר ערקלערט זיך פאר דעם צוריקרופען, אדער ערלייכטערונג, פון דיזער באשרענקונג פון אימיגראציע, און פארלאנגט, דאס די טויערען פון אמעריקא זאלען געעפנט ווערען פאר די אונטערדריקטע און געפלאגטע ארבייטער פון אייראפא.

רעזאלוציע וועגען ארגאניזירונג פון די ניט־ארגאניזירטע ארבייטער.

„אין אנבאטראכט, דאס א גרויסע טייל פון דער ארבייטערשאפט אין די גרויסע און קליינע אינדוסטריעלע צענטערען פון די פאראייניגטע שטאטען זיינען נאך ניט ארגאניזירט און שטעלען דורך דעם אין געפאר די לעבענס־סטאנדארדס וועלכע די ארגאניזירטע ארבייטער האבען פאר זיך אויסגעקעמפט, זאל עס זיין

באשלאסען, דאס דער עקזעקוטיוו קאונסיל און דער פרעזידענט פון דער אמ. פעד. אוו לייבאר זאלען העלפען מיט אלע מעגליכקייטען די פארזוכען מצד די פארשידענע יוניאנס אין א געוויסען דיסטריקט, מיט דער הילף פון דער צענטראלער קערפערשאפט פון יענעם דיסטריקט, צו גרייכען א גרויסע טייל פון די ניט ארגאניזירטע ארבייטער דורך געמיינשאפטליכע ארגאניזאציאנס־קאמפיינס".

אויסצוגען פון פרעזידענט גרין'ס ערעפענונגס רעדע

מיר גיבען דא א פאר אויסצוגען פון דער רעדע, וואס פרעזידענט גרין האט געהאלטען ביי דער ערעפענונג פון דער קאנווענשאן.

אין זיין ערעפענונגס־רעדע האט פרעזידענט גרין גערעדט וועגען די דעטראיטער באלעבאטים, וועלכע האבען זיך זעהר איבערגעשראקען, וואס די קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר ווערט אפגעהאלטען אין זייער שטאדט, דער גרעסטער אפען־שאפ־צענטער אין לאנד. ער האט ערקלערט, אז די א. פ. אוו ל. וועט פארטזעצען איהרע באמיהונגען צו יוניאניזירען דעטראיט, אזוי גוט ווי יעדע אנדערע שטאדט און שטאט אין לאנד. דיזע ערקלערונג פון מלחמה מיט די דעטראיטער באלעבאטים איז אויפגענומען געווארען פון די דעלעגאטען מיט א גוואלדיגען ענטוזיאזם, ווען פרעזידענט גרין האט ערקלערט:

„די ארבייטער־באוועגונג איז דא, זי וועט פארבלייבען אויף שטענדיג, איהר צושטערונג איז אוממעגליך! זי האט דורך קאמף און שטרייט באוויזען איהר רעכט אנערקענט צו ווערען אלס טייל פון דעם נאציאנאלען לעבען פון אונזער גרויסען לאנד."

„די מורא, האט ער פארטגעזעצט, קומט פון דעם, וואס מענשען פארשטעהען ניט די מאטיווען, פרינציפען און פאליסים פון דער אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג.

„מיר קומען צו דער געזעלשאפט מיט א קאנסטרוקטיווען כח. אונזער ארגאניזאציע שטרעבט אומעטום צו עטאבלירען דאס רעכט פון דער מענשהייט. מיר שטרעבען אפצוהיטען די פאליטישע, רעליגיעזע און עקאנאמישע פרייהייט פון אונזער לאנד.

„די ארבייטער־באוועגונג באגעגענט א גוואלדיגע אפענע אפאזיציע, ספעציעל מצד די מאנופעקטשורער, וועלכע רעכענען זיך מ'כלום'שט מיט דעם אינסטינקט פון די ארבייטער צו ארגאניזירען זיך און וועלכע זוכען צו באפרידיגען דיזען אינסטינקט דורך דעם, וואס זיי רוקען אונטער די ארבייטער „פארטיגע ארגאניזאציעס", וועלכע זיינען אויפגעבויט לויט די פרינציפען און פאליסים פון די באלעבאטים און שטעהען אויך אונטער זייער קאנטראל. באלעבאטים, וועכע ארגאניזירען „קאמפאני יוניאנס", האט פרעזידענט גרין געזאגט, טוען דאס זיכער ניט פאר דער טובה פון די ארבייטער, נאר ווייל זיי האפען, אז די ארבייטער וועלען זיין דערמיט צופרידען, ווייל זייער ארגאניזאציאנס־אינסטינקט וועט ביז א געוויסען גראד באפרידיגט ווערען.

„דיזער עקספערימענט, האט ער פארטגעזעצט, וועט סוף כל סוף זיין א דורכפאל. פון ערפארונג ווייסען מיר, האט ער געזאגט, דאס דיזע ארגאניזאציעס האבען ניט קיין דויערהאפטען כאראקטער און מוזען סוף כל סוף דורכפאלען.

„די „קאמפאני יוניאן" ערלויבט ניט דעם ארבייטער די פרייהייט פון זיינע מיינונגען אדער פון זיין ווילען און קען דעריבער ניט דינען זיינע אינטערעסען. די ארבייטער־מאסען וועלען לאנג ניט ערלויבען אזא מין אונטערדריקונג פון זייער באוואוסטזיין, ווייל דער כאראקטעריסטישער שטריך פון די ארבייטער פון אונזער לאנד איז זייער אנטשלאסענהייט צו זיין אומאפהענגיג און פריי — עקאנאמיש און פאליטיש.

„דער ביז־איצטיגער פראגרעס, וואס איז געמאכט געווארען אין דער ריכטונג פון פארבעסערען די ארבייטס־באדינגונגען פון די אמעריקאנער ארבייטער, קומט אלס דירעקטער רעזולטאט פון די באמיהונגען פון די טרייד־יוניאנס, וועלכע האבען באגריפען די נויטען פון די ארבייטער.

„וועמענס שטימע, האט ער געפרעגט, האט מען שטענדיג געהערט אין די קאונסיל האלס פון די לעגיסלאטיווע טשעמבערס, פארלאנגענדיג געזעצען אין די אינטערעסען פון דער ארבייטער־פרוי, געזעלשאפטליכע גערעכטיגקייט, געזעצען פאר ארבייטער־קאמפענסאציע? ווער האט גערעדט פאר די פרויען און קינדער? א באוועגונג, וואס קען ניט באשיצען די פרויען און קינדער, וואס קען ניט אויסאיבען א מאראלישען איינפלוס, קען אין אמעריקא ניט לעבען."

רייידענדיג וועגען דער פארמעלער דעקלאראציע, וואס ער אט געמאכט מיט א טאג צוריק וועגען דעם קירצערען ארבייטס־טאג, האט פרעזידענט גרין ערקלערט, דאס עס איז דער ציל פון דער פעדעראציע פארטצוזעצען איהר פאליסי צו קריגען א קירצערען ארבייטס־טאג און א קורצערע ארבייטס־וואך דארט, וואו די אינדוסטריעלע באדינגונגען וועלען עס ערלויבען „און די פראדוקטיוויטעט פון די באטרעפענדע ארבייטער וועט עס פארלאנגען." „די קאאפעראציע פון אירגענד וועלכען מאנופעקטשורער וועט מיט פארגעניגען אויפגענומען ווערען", האט פרעז. גרין געזאגט.

פרעזידענט גרין האט געשלאסען זיין רעדע מיט קורצע באגריסונגען צו די פראטערנעל דעלעגאטען פון ענגלאנד, קאנאדע און מעקסיקא. נאכדעם איז פארגעבראכט געווארען דער יעהרליכער באריכט פון דעם עקזעקוטיוו קאונסיל און איז איבערגעגעבען געווארען צו א קאמיטעט.

לויט דעם רעפארט פון קאונסיל, איז די טאטאל היום צאהלענדע מיטגלידערשאפט 2,813,910, ווערענד לעצטען יאהר איז די מיטגלידערשאפט געווען 2 מיליאן 877,297. דיזער צוריקפאל איז פאראורזאכט געווארען דורך דער אויסשליסונג פון די ריילוויי קלוירקס און דורך א פארקלענערונג אין דער מיטגלידערשאפט פון די אייזענבאן־ארבייטער יוניאנס. אויסער דעם געפינען זיך ניט ווייניגער פון 500 טויזענט מיטגלידער אין סטרייקס, וועלכע צאלען ניט קיין דיוס, און דאס מאכט די אקטועלע מיטגלידערשאפט אומגעפעהר 3,310,000, פארגלייכענדיג מיט דער צאל פון 4,079,740 אין 1920 — די גרעסטע צאל אין דער געשיכטע פון דער פעדעריישאן.

קלאוקמאכער יוניאן אין סאן פראנציסקא מאכט פראגרעס

מיר גיבען דא איבער איינינע אויסצוגען פון א בריוו, וועלכען וויס פרעז. מאלי פרידמאן האט ערהאלטען פון בר. לואיס גאלד, מענעדזשער פון סאן פראנציסקא, קלאוקמאכער לאקאל 8. ער שרייבט צווישען אנדערעס: „אין דעם איצטיגען מאמענט האבען מיר 92 מיטגלידער. מיר האבען געסעטעלט מיט 2 שעפער — די וואלערס פירמע מיט 38 ארבייטער, און ה. י. ס. גארמענט קאמפ. מיט 19 ארבייטער. מיר פירען אויך אן אונטערהאנדלונגען מיט נאך דריי גרעסערע שעפער, און אויב ס'וועלען זיך ניט ארייננמישען קיין נייע שוועריגקייטען, האף איך צו סעטלען מיט זיי קומענדע וואך.

מיר פלאנעווען אויך דורכצופיהרען א באל כדי צו פארגרעסערען אונזער יוניאן־טרעזשורי. אונזערע מעמבערשיפ־פארזאמלונגען ווערען גוט באזוכט.

מיר האבען ארויסגעשיקט 100 דאל. פאר די ניו יארקער קלאוק סטרייקערס. מיר טוען דאס בעסטע וואס איז מעגליך אונטער די אומשטענדען, און ווי עס ווייזט אויס, וועלען מיר אין דער נאהענטער צוקונפט האבען א שטארקע יוניאן אין סאן פראנציסקא. מיר האבען אויך ערוויילט דעלעגאטען צו דעם לייבאר קאונסיל, וועלכער וועט זיך פארזאמלען קומענדען פרייטאג אוונט".

מיט ברודערליכען גרוס,
לואיס גאלד,
מענעדזשער, לאקאל 8.

ליידיס טיילארס און קאסטאם דרעסמאכער, לאקאל 38, אין גענעראל סטרייק

(שלוס פון זייט 1)

אינפארמיישאן קאמיטע און די לאא קאמיטע געפינען זיך אין אפיס פון דער יוניאן, 877 — 6טע עווניו, טעלעפאן סוירקעל 8299.

דער סטרייק־רוף פון דער יוניאן לייענט זיך, ווי פאלגט:

„ליידיס טיילארס, דרעסמייקערס, פאריערס!

שוועסטער און ברידער!

דער אגרימענט, אונטער וועלכען מיר האבען געארבייט פאר די לעצטע צוויי יאהר, האט זיך געענדיגט. דער טאג פון קאמף פאר בעסערע לעבענס־באדינגונגען איז געקומען. אונזערע מיטגלידער האבען ביי דעם גראנדיעזען מאסמיטינג אין ברייענט האל איינשטימיג אנגענומען די רעקאמענדאציע פון אונזער עקזעקוטיוו באארד און באשלאסען ארויסצוגעהן אין א גענעראל סטרייק היינט, דינסטאג, דעם 5טען אקטאבער.

שוועסטער און ברידער!

מיט געשלאסענע רייהען לאמיר קעמפען פאר אונזערע פאדערונגען:

40 שטונדען ארבייט;
א גאראנטי פון 44 וואכען ארבייט א יאהר;
וויניקער אווערטיים;
מעהר ווידזשעס
און יוניאן־באדינגונגען פאר אלעמען גלייך — מענער און פרויען.

צוזאמען אין געשלאסענע רייהען קעמפען!

צוזאמען אין געשלאסענע רייהען געווינען!

געדענקט: „ווען דיין מעכטיגער ארעם וויל, שטעהען אלע רעדער שטיל."

קומט אלע אין „סענטראל אפערא־הויז, 67טע סטריט און 3טע עוועניו.

דזשענעראל סטרייק קאמיטע,
לאקאל 38, א. ל. ג. וו. י."

ווייסט איהר, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא? לייענט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל! ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, פון דר. לואיס לעווין, און איהר וועט מיט אלץ באקאנט ווערען.